גליון כ"ו

מוסדות יטב לב דרבינו יואל באה"ק

# בקודש חזיתיך

ארויסגעגעבן דורך:
הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ב

חודש טבת • שנת תשע"ב לפ"ק

# באַזוכן פונדערווייטענס

א מעכטיגע מיליטער באַלאַגערט ירושלים. די יוונים מיט אויפגעטריסטעטע געווער שטייען גרייט חרוב צו מאַכן די שטאָט, און א - ליידער - נישט קליינע קבוצה אויפגעקלערטע אידן שטייען זיי גאָר צו צו די האַנט. די "מתייוונים" האָט מען זיי גערופן. עס האָט זיי שוין נישט געפאַסט דער אַלטער ערליכן שטייגער. עס איז שוין געווען צו אַלט-מאָדיש פאַר זיי. זיי האָבן זיך פאַר'גוי'שט און אַלץ פראָבירט נענטער צו קומען מיט זייער התנהגות און לערע צום יוונ'ישן קולטור.

די מתייוונים האָבן ליידער פאַרשלעפּט גרויסע חלקים פון כלל ישראל, און די ערליכע אידן האָבן מיט אַנגסט און צער צוגעקוקט צום שרעקליכן מצב. זיי האָבן געוויינט און געקלאָגט וואָס וועט דאָ זיין? פיללייכט האָבן זיי געטראַכט, לויט זיך בכלל אונטערצונעמען א מלחמה קעגן זיי? די ערליכע אידן זענען ליידער געווען א מתי מספר קעגן די יונים בכלל, און קעגן די מתייונים בפרט. ו לויט זיך דען בכלל אַרויסצוגיין אין א מלחמה וואָס האָט קיין שום שאַנסן פאַר הצלחה?

האָט זיך אויפגעשטעלט דער העלדישער קעמפער מתתי' בן יוחנן כהן גדול, און האָט אויסגעשריגן "מי לה' אלי". טאַקע נישט מער ווי א קליין הייפעלע אידן האָבן זיך פארקליבן אַרום אים, אָבער דאָס מסירת נפש האָט זיי באַגלייט, און מיט העכערע הימלישע כוחות האָבן זיי באַוויזן צו באַזיגן די מעכטיגע אַרמייען פון די יונים, און ביסלעכווייז אויסראָטן די שעדליכע השפּעה וואָס די מתיונים האָבן געהאַט אויף כלל ישראל.

דאַנקן מיר יעדן טאָג פון די ימי החנוכה אויף די גרויסע נסים פון בימים ההם בזמן הזה, ווען עס איז געווען "מסרת גבורים ביד חלשים ו'רבים ביד מעטים' וטמאים ביד טהורים וכו'".

זיצענדיג צוזמאען מיט'ן קהל הרבבות אינעם גיגאַנטישן "אַרמאָרי בנין" פאַרגאַנגענעם מוצש"ק כ"א כסלו, האָבן מיר בתוך קהל ועדה אָפּגעגעבן שבח והודי' לקל בורא עולם אויף די גרויסע חסדי ה' מיט די הצלה פון רביה"ק זי"ע, און מיר האָבן געהערט דעם קול חוצב להבות אש פון ממשיך דרכו מרן רבינו הגה"ק שליט"א וואָס האָט אויסגעשריגן דעם "ועל המלחמות". דער נס פון חנוכה - האָט רבינו שליט"א ערקלערט - איז געווען, אַז די הייפעלע ערליכע אידן האָט געהאַט דעם קוראַזש און שטאַרקקייט אונטערצונעמען א מלחמה קעגן די מעכטיגע אַרמייען פון די יוונים און מתיוונים, און דאָס זעלבע איז געווען מיט'ן גרויסן בעל הנס, מרן רביה"ק זי"ע.

רביה"ק זי"ע דער גרויסער מנהיג ישראל אמיתי, איז נאָכ'ן גרויסן חורבן פאַרבליבן ממש איינער אַליינס. ליידער איז געווען מעשה שטן הצליח, און די ציוניסטישע באוועגונג האָט דאַן באַקומען מער און מער מאָמענטום, ביז עווענטועל ווען די ציונים האָבן באַקומען א ממשלה אין ארה"ק. דער רבי זי"ע פאַר זיך איז געווען אָפּגעשוואַכט סיי פיזיש און סיי גייסטיש, נאָכ'ן פאַרלירן ביים קריג רוב מנין ובנין פון זיינע געטרייע חסידים, און אין די זעלבע צייט זענען ליידער רובם ככולם פון די ערליכע רבנים אומגעברענגט געוואָרן דורך די דייטשע רשעים ימ"ש. אויב דאָס איז נישט גענוג געווען, איז נאָך ניתוסף געוואָרן צרה על צרה, ווען די ביסל אידן וואָס זענען יאָ פאַרבליבן און די געציילטע רבנים וואָס האָבן איבערגעלעבט, זענען א גרויסער טייל פון זיי ליידער פאַרשוועמט געוואָרן מיט'ן ציוניסטישן גייסט וואָס האָט דאַן געבודזשעוועט. אַזוי אַרום האָט מיט'ן מענטשליכן אויג אויסגעקוקט, אַז אַרויסצוגיין אין א מלחמה קעגן די רשעי הציונים, איז פון די ערשטע מינוט פאַרזיכערט מיט א דורכפאַל. עס וועט נישט מצליח זיין.

אָבער ווי חשמונאים בדורם האָט רביה"ק זי"ע נישט געקוקט אויף גאָרנישט. איינער אַליינס האָט ער אונטערגענומען די גרויסע מלחמה, און היינט נאָך נאָנט צו זיבעציג יאָר שפּעטער קענען מיר לויבן השי"ת אויף די גרויסע חסדים פון "ועל המלחמות" מיט וועלכן דער רבי זי"ע האָט באַזיגט "רבים ביד מעטים". דער רבי זי"ע האָט באַוויזן אויפצושטעלן א לגיון של מלך פון טויזנטער טויזנטער אידן אין ארץ ישראל און אומעטום, וואָס האַלטן זיך פעלזן-פעסט צו די תורה הק', אַלעס אדאנקן די מסירות נפש'דיגע כוחות מיט וואָס דער רבי זי"ע האָט געקעמפּט קעגן דעם רעיון הציוני.

החלש יאמר גבור אני, האָט דער רבי זי"ע זיך אָנגעגאַרטעלט מיט קוראַזש און אש קודש, און גלייך נאָכ'ן חורבן האָט ער איינגעפלאַנצט דעם ערשטן קערענדל, זיינע הייליגע מוסדות אין ארץ ישראל "מוסדות יטב לב בארה"ק" וואָס ממנה יתד ופינה נישט בלויז פאַר דעם ריזן סאַטמאַרער אימפּעריע איבער דער גאָרער וועלט, נאָר בעיקר פאַר די הייליגע שיטה פאַר וועלכן דער רבי זי"ע האָט לוחם געווען מיט אַזויפיל מסירת נפש. האָבנדיג א באַזע אין ארץ ישראל, האָט דער רבי זי"ע געהאַט די מעגליכקייטן מיט וואָס צו פירן זיין מלחמה, און מיט וועלכן אַריינצוברענגן אַן אור בהיר בשחקים, אויפצושטעלן ליכטיגע אידישע דורות וואָס ווערן נישט נשפע פון דעם שעדליכן גייסט וואָס די דעמאָלסדיגע מתייונים האָבן געוואָלט ארויפצווינגן אויף כלל ישראל.

דער לגיון של מלך פון רבי'ן זי"ע האָט זיך טאַקע פילפאַכיג פאַרברייטערט במשך השנים, אָבער דעם רבי'נס מיליטער אין ארץ ישראל איז נאָך אַלץ א "מתי מעט" קעגן די וואָס קענען ליידער נישט עומד זיין בנסיון און זענען זיך מתחבר לרשעים דורכ'ן נהנה זיין משלטון הכופרים.

דאס יהדות החרדית הצרופה אין ארה"ק, ובפרט אנ"ש מאַכן כסדר מיט שווערע נסיונות. פון איין זייט זעט מען ווי די מוסדות וואָס זענען ליידער נהנה משלטון הרשע, לעבן בהרחבה. די מלמדים אין זייערע מוסדות באַקומען זייער געהאַלט יעדן איינציגן חודש, די בניינים זייערע זענען אַהערגעשטעלט מיט'ן פולן פראכט, און טראָץ וואָס מ'זעט שוין היינט צו וואָס דאָס פירט; ווי די רעגירונג צווינגט אַרויף פאַרשידענע שעדליכע לימודים, קען מען דאָך זיך נישט אָפּרייסן פון די גרויסע געלטער וואָס מען איז נהנה פון זיי.

און דאָ שטייען מוסדותינו הק', וואָס קעגן די מוסדות וואָס זענען יאָ נהנה משלטון הכופרים זענען זיי מעגליך די "מועטים" אָבער געוויס אויך "טהורים" און האָבן ניטאַמאָל קיין נסיון צו ווערן נהנה זיין, טראָץ וואָס דאָס באַדייט לעבן אין א שרעקליכן דחקות און אומאויפהערליך זיך מוטשען נישט וויסענדיג מה יולד יום.

"מיר וועלן ממשיך זיין די מלחמה" - האָט נאָך חצות לילה פון פאַרגאַנגענעם מוצש"ק פרשת וישב אָפּגעדונערט דער קול אדיר וחזק פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א, באַציענדיג זיך אויף די מלחמת אש קודש וואָס רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האָט אונטערגענומען.

א מלחמה אין אַלגעמיין ווערט געפירט דורך פאַרשידענע אָפּטיילונגען. עס זענען דאָ די סאָלדאַטן וואָס שטייען אויפ'ן פראָנט, און העכער זיי זענען דאָ די שרי צבא, די גענעראַלער וואָס געבן אַרויס אָנווייזונגען, און פלאַנירן אַלע סדרי המלחמה. די שרי המלחמה געפונען זיך נישט אַלץ אויפ'ן אָרט וואו די מלחמה ווערט

(פארזעצונג אויף זייט ה)

Non Profit Org.
U.S. Postage
**PAID**
Mail Way

**Yetev Lev**
Eretz Yisuerl Inc.
POB 2123
Monroe NY 10949

פאר הערות, קאמענטארן פארבינדט אייך
מיט אונז:

**T:** 718-387-1213 - 845-782-3091

**F:** 866-594-0261

## בשערי ירושלים

נייעס און אנטוויקלונגען פון אונזערע ירושלים'ער מוסדות

### ברוך מתייך לשלם

אנשי שלומינו אין ירושלים עיה"ק האָבן מיט גרויס כבוד מקבל פנים געווען דעם געהויבענעם גאַסט הגה"צ רב ור"מ דקהלתינו הק' שליט"א פון וויליאַמסבורג, וועלכער האָט דאָרט געווילט פאַרגאַנגענעם שבת קודש וישלח צום געהויבענעם "שבת התוועדות" פון קהל עדתינו הק'. במשך דעם באַזוך האָט דער רב שליט"א שטאַרק מחזק געווען די הייליגע מוסדות און האָט מיטגעהאַלטן פון דער נאָנט די געוואַלדיגע הצלחה צו וואָס די מוסדות הק' האָבן זוכה געווען.

מיר וועלן דאָ איבערגעבן קורצע שטריכן פון די באַזוכן וואָס דער רב שליט"א האָט אָפּגעשטאַט אין די הייליגע מוסדות.

*ערש"ק וישלח: מעמד קבלת פנים*

דער רב שליט"א איז אָנגעקומען קיין ארה"ק דאָנערשטאָג אָוועט, און פרייטאָג אינדערפרי איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער מעמד קבלת פנים, ווען די בחורי חמד תלמידי הישיבה קטנה, צוזאַמען מיט די תלמידים פון די העכערע כתות אין די תלמוד תורה, זענען זיך צוזאַמגעקומען צו תפלת שחרית אין בית מדרשינו הגדול "ברך משה" וואו דאָס דאַווענען צוזאַמען מיט'ן רב שליט"א האָט בוקע רקיעים געווען. גלייך נאָכ'ן דאַווענען איז אָפּגעראָכטן געוואָרן דער קבלת פנים, בעת די ילדי תשב"ר, אויסגע'שורה'ט אויף די פאַרענטשעס האָבן געזינגען לעבעדיגע נגינה. דער געטרייער מלמד מומחה הר"ר מנחם מענדל פּאָלאַטשעק שליט"א האָט געפּעפנט דעם מעמד. בשם די הנהלת המוסדות האָט מקבל פנים געווען דער מסירת נפש'דיגער מנכ"ל המוסדות הרה"ח ר' ישכר יאַקאָב שליט"א, און מיט גרויס יראת הכבוד האָבן די תלמידים געהערט די טייערע דברי חיזוק פונעם רב שליט"א.

*יום שב"ק: חברת תהלים*

שב"ק אינדערפרי, בעת די תשב"ר זענען זיך צונויפגעקומען פאַר'ן דאַווענען צו די וועכענטליכע "חברת תהילים" האָבן די תלמידים געהאַט דעם כבוד מקבל פנים צו זיין דעם רב שליט"א, וועלכער האָט נאָכ'ן מיטזאגן עטליכע קאַפּיטלעך צוזאַמען מיט די קינדער, געזאָגט וואַרימע דברי התעוררות איבער דאָס חשיבות פון אמירת תהלים בצפרא דשבתא. די קינדער האָבן אויך געהערט א שיינע דרשה פון דעם אורח הגון הרבני החסיד ר' יצחק אייזיק ווייס הי"ו מנהל חברת תהלים שע"י קהלתינו הק' אין בני ברק.

*זונטאָג אינדערפרי: באַזוך אין תלמוד תורה*

זונטאָג אינדערפרי איז דער רב שליט"א אַריבערגעקומען אויף א באַזוך אין די תלמוד תורה, אין באַגלייטונג פון די פילע חשוב'ע אויסלענדישע געסט וואָס זענען געקומען צו פאָרן מיטצוהאַלטן דעם שיינעם שבת התוועדות, אין שפּיץ פון די געטרייע ראשי קהלתינו הק' פון ניו יאָרק, הרבני הנגיד ר' יצחק ראָזענבערג הי"ו פון וויליאַמסבורג, און הרבני הנגיד ר' דוד עקשטיין הי"ו פון קרית יואל. דער רב שליט"א איז אריין אין יעדע חדר באַזונדער, און פאַרהערט די תלמידים לויט זייערע עלטער, ווערנדיג נתפעל פון זייערע ברייטע ידיעות אויף וועלכן מ'דערקענט די שטאַרקע כוחות וואָס די כלי קודש לייגן אַריין אין די קינדער.

די קינדערגאַרטן קינדער האָבן ביי דער געלעגענהייט פאָרגעשטעלט פאַר'ן רב שליט"א די וויכטיגע ידיעות וואָס מ'וואָרצעלט איין אין זיי פון קינדווייז אן, ווי: מ'טאר נישט נעמען געלט פון די ציונים; מ'טאָר נישט גיין צום "כותל המערבי"; מ'טאָר נישט רעדן די טריפה'נע העברעיאישע שפראַך א. א. וו. ווידער תלמידים פון די העכערע כתות האָבן פאָרגעשטעלט פאַר'ן רב שליט"א פאַרשידענע וויכטיגע ידיעות בהלכה, שקלא וטריא אין די גמרא וואָס זיי לערנען און נאָך. דער רב שליט"א האָט ארויסגברענגט פאַר די תלמידים און כלי קודש די געוואַלדיגע הנאה וואָס ער האָט, מיטצוהאַלטן די כוחות וואָס מ'לייגט אַריין אין די צעירי הצאן, וואָס מ'זעט ווי די תלמוד תורה איז ממש א יחיד במינו.

*זונטאָג נאָכמיטאָג: מעמד הרמת קרן התורה אין ישיבה קטנה*

צום שלוס פון דעם געהויבענעם באַזוך אין די מוסדות איז געקומען דער "הויכפּונקט" דער גייסטרייכער מעמד "הרמת קרן התורה" וואָס איז געפראַוועט געוואָרן דורך די תלמידים פון די ישיבה קטנה וואָס האָבן זיך געשטעלט צום פאַרהער אויף צוויי מסכתות פסחים און ראש השנה. אָנקומענדיג צום מעמד האט די הנהלת הישיבה פארגעשטעלט פאַר'ן רב שליט"א די נייע חבורה "עמלים" וואָס די בחורים האָבן צווישן זיך מייסד געווען, אָפּצושרייבן ביאורים וחידושים אויף די סוגיות וואָס מ'לערנט אין די ישיבה. לויט'ן פּלאַן וועלן די בחורים אַרויסגעבן די אַלע גליונות אין א ספּעציעלן באַנד, וואָס וועט אי"ה איבערגעגעבן ווערן אַלס "מנחת ביכורים" פאַר מרן רבינו הגה"ק שליט"א ביי זיין באַזוך אין ארה"ק קומענדיגן חודש שבט הבעל"ט.

נאָכ'ן זיך וואַשן צו די סעודה האָט דער געטרייער מנהל המוסדות הרה"ח ר' ישכר יאַקאָב גענומען דאָס וואָרט, און אָנגעפירט די מסיבה בטוב טעם ודעת, אַרויסברענגענדיג א פאַסיגן געדאַנק, אַז ווען איינער גיט א מתנה פאַר א צווייטן, פאַקט ער דאָס גוט איין פון אַלע זייטן, וואָס זעלבע איז געווען אַצינד ווען אנ"ש האָבן באַקומען די גרויסע מתנה, דעם שיינעם שבת במחיצתו פונעם רב שליט"א, איז גלייך אָנהייב אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער קבלת פנים דורך די ישיבה קטנה בחורים, און צום געזעגענען ווילט דער רב שליט"א ווייטער מיט די ישיבה קטנה תלמידים.

די בחורים האָבן געזונגען וואַרימע ניגוני התעוררות, און דאַן געהערט די דברי חיזוק והתעוררות וואָס דער רב שליט"א האָט משמיע געווען, אַרויסברענגענדיג די גרויסע שמחה וואָס עס איז מיטצוהאַלטן ווי שטאַרק די בחורים שטייגן אין אַלע הינזיכטן. דער רב שליט"א האָט דערנאָך פאַרטיילט די תעודות פאַר די חשוב'ע תלמידים וואָס האָבן זיך פאַרהערט ביידע מסכתות.

נאָכדעם וואָס מ'האָט אַרויסבאַגלייט דעם רב שליט"א בשירה וזמרה, האָט מען ווייטער ממשיך געווען מיט דעם שיינעם מעמד, הערענדיג די דרשות פון: הרה"ג רבי יודא ניילינגער שליט"א מנהל רוחני, און פון די מגידי שיעור הרה"ג רבי נח וויינבערג שליט"א און הרה"ג רבי יחזקאל ברים שליט"א. מיט באַזונדערע הנאה האָבן די בחורים געהערט די הערליכע דרשה פון איינעם פון די תלמידי הישיבה, הב' החשוב אלימלך שמשון שוואַרץ נ"י בן הרה"ח המפואר הר"ר אשר אנטשיל שליט"א, וועלכער האָט כזקן ורגיל אַרויסגעברענגט זיינע געפילן פאַר די תלמידי הישיבה, און זיך בדאנקט פאַר די כלי קודש וואָס לייגן אַריין אַזעלכע שטאַרקע כוחות. נאָכ'ן בענטשן האָט מען זיך משמח געווען בריקודין של שמחה א לענגערע ווייל.

נייעס און אנטוויקלונגען פון אונזערע בני ברק'ער מוסדות

### הגה"צ דומ"ץ קרית יואל שליט"א באַזוכט

מיט גרויס כבוד האָבן די בחורי חמד תלמידי ישיבתינו הקדושות מקבל פנים געווען דעם געהויבענעם גאַסט כבוד הגאון הצדיק דומ"ץ קרית יואל שליט"א בעל אגלי דבש, וועלכער האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט פון זיין קורצן באַזוך אין ארה"ק, אָפּצושטאַטן א באַזוך אין היכל הישיבה גדולה אין די זכרון מאיר געגענט, וואו עס זענען אויך אַריבערגעקומען די תלמידים פון די ישיבה קטנה לכבודו פון דעם געהויבענעם גאַסט שליט"א. דער דיין שליט"א איז עמפאנגן געוואָרן דורך הגה"צ ראש הישיבה שליט"א, און האָט דערנאָך אויפגערעטן מיט א הערליכע דרשה פיל מיט דברי חיזוק והתעוררות וואָס האָט שטאַרק עושה רושם געווען אויף די תלמידים.

בתחלת דבריו האָט דער דיין שליט"א איבערגעגעבן, אַז איידערן קומען קיין בני ברק איז ער אַריין בקודש פנימה צו מרן רבינו הגה"ק שליט"א הערן דברי חיזוק וואָס איבערצוגעבן פאַר די תלמידי הישיבה. האָט דער רבי שליט"א אים באַפוילן איבערצוגעבן אַז איצט בהתחלת הזמן זאָל יעדער בחור זיך מקבל זיין אויסצופירן די קבלת טובות וואָס מ'האָט זיך מקבל געווען אין די הייליגע טעג. ובסיום דבריו האָט דער דיין שליט"א אַרויסגעברענגט זיין התפעלות פון דעם אור כי טוב וואָס קומט אַרויס פון די הייליגע ישיבה, און פאַרשפּראָכן איבערצוגעבן א וואַרימען גרוס פאַר'ן מנהיג העדה מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

### פראַכטפולע מסיבה לרגל התחלת לימוד חומש אין כתה ב'

"יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים" האָבן די טייערע תשב"ר, תלמידים פון די עטליכע כתה ב' חדרים שוין אָנגעהויבן צו לערנען די הייליגע פסוקים פון "חומש" און עס איז דערביי אָפּגעהאַלטן געוואָרן א פראַכטפולע מסיבה, צו וועלכן די קינדער זענען געקומען אָנגעטון מיט בגדי שבת, און די קינדער האָבן געזינגען הערליכע ניגונים. מיט א שיינע דרשה האָט אויפגערעטן דער מנה"ר הר"ר יקותיאל יצחק בראך שליט"א וועלכער האָט אַרויסגעברענגט פאַר די תלמידים לויט זייער פאַרשטאַנד דעם באַדייט פון די שמחה ביים אָנהייבן צו לערנען חומש, און ווי שטאַרק מ'דאַרף אַכט געבן צו לערנען בקדושה, דורכ'ן זיך היטן די אויגן מיט'ן מויל, אַז עס זאָל זייןריין וואָס נאָר אַזוי קען מען מצליח זיין.

איבער די וואָך איז פאָרגעליינט געוואָרן פאַר די קינדער די הערליכע ברכת ההורים וואָס די עלטערן האָבן צוגעשיקט צו די געהויבענע שמחה.

### דריידלעך על טהרת הקודש פאַרטיילט פאַר די קינדער

פאַרשידענע פעולות פון חינוך וואָס אין ניו יאָרק ווייסט מען ניטאַמאָל דערפון, איז דאָס אָבער א יסודות'דיגער לימוד צווישן די תלמידים אין ארה"ק. גרייטנדיג זיך אַצינד צום יום טוב חנוכה שטייען ארץ ישראל'דיגע אידן פאַר א גרויסן פּראָבלעם, צוליב די שוואַכע מעגליכקייט מקיים צו זיין דעם מנהג ישראל פון "דריידל" על טהרת הקודש. די רשעי הציונים האָבן צוליב זייער אייגענע אינטערעסן פאַרדרייט דעם אָנגענומענעם מנהג פון שרייבן אויפ'ן דריידל נ. ג. ה. ש. מיט די אותיות נ. ג. ה. פ. א זאַך וואָס ברענגט נאַציאָליסטישע געפילן פאַר די טמא'נע מדינה. מטעם הנהלה רוחני פון די מוסדות האָט מען דעריבער געזוכט אויסצורייסן דעם געפיל פון די תלמידים, און געזוכט אַריינצוברענגען א הייליגן געפיל דורכ'ן פאַרטיילן דייקא כשר'ע דריידלעך מיט די אור-אַלטע אויפשריפט, אויך האט די הנהלה געזוכט צו פאַרטיילן פאַר די תלמידים א חנוכה מתנה, א דריידל וואָס זונגט אויך א חנוכה-לידל, און ליידער אין גאַנץ ארץ ישראל האָט מען נישט געטראָפן נאָר דריידלעך וואָס זינגן אויף די העברעאישע שפראַך.

די געטרייע עסקנים אין ניו יאָרק וואָס פירן אָן דעם באַרימטן מפעל "החזקת מלמד" האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט דערויף, זעהנדיג דערין א געלעגענהייט צו שיקן א ספּעציעלע מתנה פאַר די ארץ ישראל'דיגע תלמידים, לאות הקורה פאַר'ן מתפלל זיין טעגליך פאַר די תומכי המוסדות, וואָס מ'האָט זיך שוין איבערצייגט נישט איינמאָל ווי זייערע לויטערע תפלות ברעכן אַלע טויערן.

די עסקנים האבן טאקע געטראפן די ספּעציעלע סאָרט

(פארזעצונג אויף זייט ה)

פעולות און אקטיוויטעטן אין אויסלאנד למען קיום המוסדות

### געלונגענער קאַמפּיין אין מאָנסי

דער יערליכער "חינוך הטהור אַקציע" אין מאָנסי איז ב"ה געקרוינט געוואָרן מיט א געוואַלדיגע סוקסעס און האָט ווידעראַמאָל מאחד געווען אנ"ש און אַנדערע תושבי העיר, אַרויסצוקומען מיט וואַרימע שטיצע לטובת מוסדותינו הק'. די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן דורכאויס די וואָך פון פרשת חיי שרה, און במשך די גאַנצע וואָך האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין מאָנסי די חשוב'ע עסקנים הרה"ח ר' מאיר פערל הי"ו מנכ"ל און מוה"ר הלל מנשה מאַרמאָרשטיין הי"ו פון וויליאַמסבורג, וועלכע זענען אויפגענומען געוואָרן בסבר פנים יפות דורכ'ן גאַנצן ציבור, ולידם איז צוגעשטאַנען מיט גרויס געטריישאַפט דער עסקן נמרץ בנש"ק הרב יואל נפתלי ווייס שליט"א עסקן דמוסדותינו אין מאָנסי, וועלכער האָט מקדיש געווען אַסאַך טייערע צייט פאַר די הצלחה פון די אַקציע. די אַקציע האָט ב"ה שטאַרק סוקסעסירט בעת דער ציבור האָט אַרויסגעצייגט גרויס וואַרימקייט פאַר די פאָן-טרעגער פונעם חינוך הטהור אין ארה"ק, מוסדותינו הק' יטב לב.

### צענדליגער שטיבער אין קרית יואל גרייטן צו "יטב לב פאַרטיס"

דער פאַריעריגער ערשטמאָליגער איינפיר אין קרית יואל, איינצובייטן די גרויסע צענטראַלע "יטב לב פאַרטי" מיט א סעריע פון קלענערע פאַרטיס האָט זיך ב"ה איינגעגעבן מיט א געוואַלדיגע הצלחה, און אין די איצטיגע טעג זענען די בעפאָרגרייטונג צו די היי-יעריגע פאַרטיס שוין אין פולן שוואונג, אַלעס מיט'ן ציל אַרויסצובאַקומען פון די פאַרטיס די מאַקסימום הכנסות מיט די מינימאַלסטע הוצאות.

די בעפאָרגרייטונגען ווערן אָנגעפירט דורך די געטרייע עסקניות פונעם פרויען-פאראיין, וועלכע האָבן פאַרגאַנגענעם מאָנטאָג פרשת וישב דורכגעפירט די גרויסע צוזאַמקום אין שטוב פון די חשוב'ע מרת הירש תחי' אשת הרבני הנגיד ר' יעקב יוקל הי"ו וועלכע איז שטענדיג גרייט צוצושטעלן איר שטוב פאַר מוסדות יטב לב, גייענדיג אין די פיסטריט פון איר אומפאַרגעסליכער זיידע החסיד המופלג הר"ר ליפא שוואַרץ ז"ל פיליעריגער מנהל מוסדותינו הק' אין ירושלים עיה"ק.

ביים צוזאַמקום האָט מען מיט כבוד אויפגענומען די הויכגעשעצטע סאַטמאַר-וויליאמסברגער רביצין תליט"א, וועלכע האָט מיט גאָר טייערע פערל-ווערטער אַרויסגעברענגט פאַר די פאַרזאַמעלטע די געוואַלדיגע זכי' וואָס עס איינצוארדען אין שטוב א פאַרטי פאַר מוסדות יטב לב, וואָס דערמאַנט פאַרוואַנדעלט מען דעם אייגענעם שטוב אַלס אכסניא פאַר'ן מייסד המוסדות מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, און פאַר זיין הייליגע ירושה די מוסדות הק' יטב לב בארה"ק. די פאַרזאַמעלטע האָבן דערנאָך מיטגעהאַלטן די גאָר רייכע פערעזאנציע איבער דעם באַגריף וואָס מ'האָט אַזויפיל געהערט פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, אַז דעם גאנצען אידישקייט וואָס מיר האָבן היינט דאָ אין אַמעריקע, איז צו פאַרדאַנקן פאַר מוסדות יטב לב. די פאַרזאַמעלטע האָבן פשוט נישט געקענט גענוג אָפּוואונדערן דעם רייכקייט פון די פרעזענטאַציע, סיי אין סטיל און סיי אין אינהאַלט.

(פארזעצונג אויף זייט ה)




# די דין תורה ביים חתם סופר

שטייענדיג מיט עטליכע וואָכן צוריק, האַרט נאָכן יאָרצייט פונעם רבן של ישראל, רבן של כל בני גרויס-אונגאַרן, איז אויפגעקומען די טעמע: דער חתם סופר און די עניי ארץ ישראל. און נישטערנדיג אין די תשבות פונעם חתם סופר זי"ע, טרעפט מען עטליכע תשבות איבער דעם ענין, וואָס מיר וועלן דאָ באַהאַנדלען.

און אַז מען רעדט פון די פראַגע פון "עניי ארץ ישראל" וואָס דער חתם סופר האָט באַהאַנדלט, קומט מען גלייך אָן צום ישמח משה, וועלכער האָט געהאַט דעם תפקיד צו זאַמלען געלט פאַר עניי ארץ ישראל, אויף דער בקשה פון הייליגן קאַלובער רב זי"ע. און אזוי ווי עס האָט זיך געמאַכט אַן ערנסטע שאלה אין דעם ענין, האָט ער זיך געוואָנדן דערוועגן צום חתם סופר זי"ע.

ווי באַקאַנט האָבן אידן פון די אשכנזי'שע לענדער – ווי פוילן, ליטע, רוסלאַנד, ווייס רוסלאַנד, אונגאַרן, און נאָך - געשיקט געלט פאַר עניי ארץ ישראל. דער סדר איז געווען אַז די גדולי ארץ ישראל האָבן אַרויסגעשיקט שדרי"ם קיין חוץ לארץ, צוזאַמצונעמען דאָס געלט.

פון ווען די ערשטע תלמידים פון מעזריטשער מגיד זענען ארויף קיין ארץ ישראל אין שנת תקל"ז, ביז די יאָרן פון תק"ץ, זענען שטאַרק נתרבה געוואָרן די וואָס האבן זיך באַזעצט אין ארץ ישראל. אויך אין ליטווישן לאגער האט פאסירט די זעלבע זאך. נאָך דער פטירה פון ווילנער גאון זצ"ל זענען אַרויף פילע פון זיינע גרויסע תלמידים, רבי סעדיה, רבי מנחם מענדל משקלאָוו, און זיין באַרימטער תלמיד רבי ישראל משקלאָוו בעל פאת השלחן, וועלכער האָט דאָרט מייסד געווען די קהלת הפרושים אין עיה"ק צפת ת"ו, שפעטער איז ער צוריק קיין חוץ לארץ צו טאָן פעולות פאַר שטיצן דעם ישוב אין ארה"ק.

די צוויי קהילות אין ארץ ישראל, די "חסידים" און די "פרושים", זענען פאַרברייטערט געוואָרן און האָבן אנגעהויבן שיקן באַזונדערע שדרי"ם קיין אייראָפּע זאַמלען נדבות פאר די עניי ארץ ישראל.

ביי די ליטווישע קרייזן האבן זיך דערמיט אפגעגעבן די גרויסע תלמידי חכמים, די רבנים און צדיקים. און ביי די חסידישע קרייזן האבן זיך אפגעגעבן דערמיט די תלמידי הבעש"ט הק' זי"ע. ווייל דאָס ענין פון "מעות ארץ ישראל" איז געווען אַ גאָר געהויבענע זאַך. די תלמידי בעל שם טוב פלעגן געבן אַליין געלט פאַר קופת "רבי מאיר בעל הנס" און געשטעלט גבאים אַרומצוגיין פון שטאָט צו שטאָט זאַמלען געלט פאר עניי ארץ ישראל. דער ערשטער צדיק פון תלמידי תלמידיו פון בעש"ט הק' וואס האט משפיע געווען אין אונגאַרן, איז געווען דער הייליגער קאַלובער רב זי"ע, וועלכער איז געווען פון די תלמידים פון רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג און דער רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, און אויך ער האָט, ווי אַנדערע צדיקים תלמידי הבעש"ט הק', געטאָן פאר די יושבי ארה"ק, און געשיקט די געלטער דורך פוילן, וואו ס'איז געווען דער צענטער – אין יענער צייט - פון וואו מ'האט אלעס ארויפגעשיקט קיין ארץ ישראל. (אין יענער צייט האט מען פון אונגארן געשיקט קיין פוילן דאס געלט, און פון דארט האט מען עס געשיקט קיין ארץ ישראל, שפעטער האט מען געשאפן אליין אן אייגענעם "אונגארישער כולל" פון וואס מיר וועלן שמועסן באזונדער, בעזרת השם).

ווען דער ישמח משה האָט זיך באַזעצט אין אונגאַרן האָט אים דער קאַלובער רב געבעטן ער זאָל זיך אָנשליסן אין דער הייליגער אַרבעט, צו זאַמלען צדקה פאַר עניי ארץ ישראל, און דער ישמח משה האָט אָנגענומען דעם תפקיד. במשך הזמן איז דער ישמח משה אויך געוואָרן דער ערשטער נשיא אין אונגאַרן פון צדקת ארץ ישראל, ווי ער שרייבט עס אַליין אין אַ בריוו וואָס ער האָט געשיקט צו הגה"ק רבי יחזקאל פאַנעטה זצ"ל בעל מראה יחזקאל אבד"ק קאַרלסבורג ורב המדינה (געדרוקט אין ספר ים הרחב עמ"ס גיטין).

די באַזונדערע כוללים האבן געשיקט באַזונדער שדרי"ם וואס זאלן גיין שאפן געלט. אין שנת תק"ץ איז געשיקט געוואָרן מטעם הפרושים אַ שד"ר מיט'ן נאָמען ר' צבי הירש ב"ר יוסף, אינאיינעם מיט הגאון רבי חיים מפינסק, ווידער די חסידים האָבן געשיקט אַ שד"ר מיט'ן נאָמען ר' יוסף חיטין. עס האט אויסגעבראָכן אַ גרויסער סכסוך צווישן די צוויי שדרי"ם, ווייל דער שד"ר פון די חסידים האָט גע'טענה'ט אויפ'ן צווייטן אז ער האט אים אויסגעכאַפּט, און צוגענומען פאר די פרושים דאָס גאנצע געלט וואָס אידן האָבן מפריש געווען לטובת עניי ארה"ק.

**פאר ווען באַלאַנגט עס?**

אין יענער צייט פלעגט פארקומען אסאך אזעלכע סיכסוכים איבער געלטער וואס "באלאנגען צו די און די לאנד" און מען איז געקומען טענה'ן אז מען דארף עס שיקן דוקא דורך דעם און דעם כולל, און נישט אייביג האבן אלע עס געזען אויג אויף אויג. עס איז פאראן גאר אסאך ספרים און קונטריסים איבער דעם ענין, און פיל דין תורה'ס זענען געפירט געווארן אויף דעם פעלד.

וויסנדיג אַז דער ישמח משה איז דער מנהיג פון די חסידי'שע אידן אין דער מדינה, האָט זיך רבי יוסף חיטין געוואָנדן צו אים מיט טענות אויף ר' צבי הירש, און אים געוואָלט רופן צו דין תורה, אָבער דער ישמח משה האָט נישט געוואָלט זיין דיין און פסק'ען ביי אַזאַ דין תורה, וויסנדיג אַז מענטשן וועלן האַלטן אַז ער איז נוגע בדבר, היות ער איז פון די חסידים, דעריבער האָט ער פאָרגעשלאָגן פאר'ן חתם סופר ער זאָל זיין דער פוסק אין דעם נידון, ווייל ער איז אָנגענומען ביי ביידע צדדים.

אין אַ בריוו (געדרוקט אין ספר חוט המשולש דף לט:) וואָס דער ישמח משה האָט געשריבן, מאָנטאָג, כ"ז ניסן, שנת תקצ"ג צום הייליגן חתם סופר, דערציילט ער די גאַנצע מעשה, און שלאָגט פאָר פאַר'ן חתם סופר צו זיין דער פוסק. פון דעם מכתב זען די אויסטערלישע ידידות'דיגע באַציאונגען וואָס די צוויי צדיקים האָבן געהאַט.

פאָלגענד איז דער בריוו אין לייכטער איבערזעצונג:

**שיל"ת, יום ב', כ"ז ניסן, י"א למב"י תקצ"ג לפ"ק.**

**"ירבה ויציץ ציץ ויהי פורח, ורב שלום עד בלי ירח, לכבוד ידיד ה' וידיד עמו וידידי ורב רחימי, ה"ה הרב הגאון הגדול המפורסם בכל קצוי ארץ, מופת הדור בוצינא קדישא, קדוש יאמר לו נ"י ע"ה פה"ח, כקש"ת מהו' משה ספרא רבא דישראל, האב"ד ור"מ דק"ק פ"ב, נצח יאר פניו אתנו סלה".**

**"אחרי דרך מבוא השלום אען ואומר ברתת, עס זאָל נישט זיין קיין פלא אין די אויגן פון הדר כבוד גאונו, אַז כ'האָב אים נישט געענטפערט אויף די מכתבים וואָס האָבן באַלויכטן מיינע אויגן שוין אַ שטיק צייט.**

**עס איז נישט געווען צוליב סיבות פון שלילות האהבה, ואיש קדוש כמוהו יודע צדיק גודל ברית כריתות אהבה אשר בינינו מעולם, ותוקף אהבתו בוער בלבי ברשפי אש שלהבת אשר מים רבים לא יוכלו לכבות, ועדיין לא זזה אהבתו וחיבתו ממני אף חובב בתוונא דליבאי", אבער ס'איז גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם ב"ה וב"ש, אַז בעת די בריוון זענען געקומען האָב איך נישט געפונען קיין צייט אפילו זיי צו לייענען,**

**ווייל די גאַנצע וועלט איז געווען דעמאָלט שרוי בצער פון דער חולי הידוע ר"ל, און מחמת גודל הצער און די פילע טירדות וואָס האָבן מיך אַרומגענומען דעמאָלט פון אחינו בני ישראל וואָס האָבן זיך צו מיר געוואָנדן, עצי עדן סבבו אל האטד, מעורר צו זיין אויף זיי רחמים גדולים וואָס זיי האָבן געדאַרפט אין יענער צייט, אויסער די עבודת הקודש וואָס ליגט אויף מיר פון תורה און תפילה.**

א ווארט פון

# אונזערע רבי'ס



זיקוקין דנורא. קורצע און בליצינע ווערטער פון רבותה"ק

איבער'ן חוב און זכות פון שטיצן מוסדותינו הקדושים

## די מוסדות אין ארץ ישראל להם משפט הבכורה

מיר זענען זיך דא צוזאמען געקומען פאר די מוסדות אין ארץ ישראל, מיר ווייסן אז דער פעטער ז"ל האט געגרינדעט די ארץ ישראל מוסדות, און דער אייבערשטער האט אזוי געפירט אז ער האט געדארפט אהער קומען, היינט זען מיר למפרע די טובה דערפון, דער פעטער ז"ל שפעטער ווען ער איז שוין געקומען אהער, האט ער עס געזאגט ביי אסאך געלעגנהייטן אז ער זעט ער האט געדארפט קומען אהער כדי אויפצושטעלן דא די מוסדות, און מיט דעם וואס ער האט אויפגעשטעלט די מוסדות דא איז כלל ישראל נתחזק געווארן.

ס'איז נישט קיין ספק אז ווען דער פעטער בלייבט ווען אין ארץ ישראל וואלטן די מוסדות אין ארץ ישראל געווען אסאך שענער פון דאהי, אסאך אידן פון אונז וואס זענען דא וואלטן ווען געווען אין ארץ ישראל, און אוודאי וואלט די מוסדות אין ארץ ישראל געווען אסאך מער, נאר דער אייבערשטער האט געפירט אז דער פעטער איז געקומען אהער, און ער האט דא אויפגעשטעלט די מוסדות, און דורכדעם איז דא געוואקסן מער, ווייל דער פעטער ז"ל איז געווען דא מיט אונז די דרייסיג יאר, און ער האט אונז אויסגעלערנט און אויפגעבויט אונז אין אונזערע קינדער, און דער אייבערשטער האט געוואלט אז דא זאל אזוי זיין.

מען קען זיך פארשטעלן ווען ארץ ישראל וואלט ווען געהאט מער, און ס'וואלט דארט געווען די מוסדות ווי אונז האב מיר דא, און אונז וואלט מיר אויסגעזען ווי אין ארץ ישראל, ווער וואלט ווען געהאלטן די מוסדות אין ארץ ישראל, דער אייבערשטער האט געפירט אז דארט איז דא פופצן הונדערט קינדער און דא איז דא זיבן טויזענט קינדער, שטעלט אייך פאר ווי ס'וואלט געווען ווען ס'איז פארקערט, ווי וואלטן די אידן פון דא געקענט אויסהאלטן יענע מוסדות, זעט מען אז דער אייבערשטער האט געפירט מיט חשבון, ער האט געמאכט אז דער פעטער ז"ל זאל קומען דא און אויפשטעלן דא אין אמעריקא אידן וואס זענען ביכולת און קענען ארויסהעלפן, און ס'איז נישט אונטערגעגאנגען די מוסדות אין ארץ ישראל, ס'איז דארט אויך דא שיינע מוסדות, און ס'ליגט אויף אונז א חיוב אויסצוהאלטן די מוסדות אין אר"י.

איך האב געקלערט אזוי, לעולם דער בכור איז דאך אלעמאל קודם, דאס וואס דער פעטער ז"ל האט אויפגעבויט פאר די מלחמה איז דאך חרוב געווארן, און נאך די מלחמה האט זיך אנגעהויבן א נייע חשבון, דער פעטער ז"ל האט אנגעהויבן צו מאכן מוסדות אין ארץ ישראל, איז לכאורה זיי זענען די בכורים, דאס איז די ערשטע, דער אייבערשטער האט אזוי געפירט אז דער פעטער ז"ל איז אהער געקומען

ער איז געווען מיט אונז עטליכע און דרייסיג יאר און האט אונז אויפגעשטעלט אזעלכע מוסדות התורה, און אונז זעמיר דא געבליבן ב"ה א גרויסע כח, אוודאי דארף מען דאנקן דעם בוכ"ע אז ס'האט זיך אזוי געפירט, יעצט שטעלט זיך ארויס אז אנדערש וואלט גארנישט געקענט זיין, אבער עפעס קומט זיך פאר די בכור, מען זאל געדענקן אז ארץ ישראל דאס איז געווען די ערשטע כוחות פון פעטער ז"ל.

מיר דארפן וויסן אז דער פעטער ז"ל האט געגרינדעט די מוסדות אין ארץ ישראל, און ס'האט אים שטארק נוגע געווען עד דכדוכו של נפשו, און דאס האט אים געברענגט אז ער זאל קומען אהער, און ער האט אויפגעשטעלט אונזערע מוסדות דא, און ער האט אונז אהערגשטעלט אזוי ווי אונז זעמיר, דארף מיר אונז זען צו האלטן די מוסדות אין ארץ ישראל בכל כח ועוז.

איך ווייס אז דער עולם איז אנגעשטרענגט, ס'קאסט יעדן געלט אונזערע מוסדות, און מען גיט פאר יעדן איינעם ווי דער פעטער ז"ל האט אונז געלערנט, אבער מען דארף נישט פארגעסן אז ארץ ישראל'דיגע מוסדות דאס איז דער בכור וואס דער פעטער ז"ל האט אנגעהויבן נאך די מלחמה, און מיר מוזן זיי זען מחזיק צו זיין, ס'ליגט א חיוב אויף יעדן איינעם פון אונז, ווער ס'איז דא, און ווער ס'איז נישט דא פון אונז, ווען ס'קומט ווען דער גאנצער עולם וואלט מען ווען נישט געהאט קיין פלאץ דא, און באמת וואלט געדארפט זיין אז קיינער זאל נישט פעלן, ווער ס'פילט אז ער דארף צו קומען ווען מען מאכט א דינער פאר אונזערע מוסדות, דארף פילן א חיוב צו קומען ווען מען רופט צונויף און מען מאכט א דינער פאר די מוסדות אין ארץ ישראל, און אדרבה להם משפט הבכורה, און ס'איז זיי צו פארדאנקן דאס וואס דער פעטער ז"ל איז מיט אונז דא געווען...

ובטוח אני אז דער פעטער ז"ל וועט נישט פארגעסן פון די אלע מענטשן וואס וועלן זיך אפרופן, אזוי ווי ער האט צוגעזאגט בחיים חיותו, גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם, און ער וועט משפיע זיין פאר די אלע אידן מיט בני חיי ומזוני רוויחי.

(רבינו הברך משה זי"ע, יום א' נשא שנת תשמ"א במסיבה להחזקת מוסדות יטב לב בומסב"ג)



כ"ו

# ראשית ממלכתו




**עפיזאדן, שטריכן, היסטארישע געשעניש, ארום דעם התייסדות פון מוסדות יטב לב דסאטמאר**

אין קורצן פון פריער: דעם רבי'נס גרויסע שאיפה צו האָבן אַן אייגן ווינקל אין ירושלים עיה"ק ווערט ענדליך פארוויקליכט, ווען דער ביהמ"ד אוהל רחל איז נאָך פילע יגיעות נתייסד געוואָרן אינעם געדינגענעם לאָקאַל אין די בית ישראל געגענט. נאָך א שטיק צייט איז דער ביהמ"ד שוין אויסגעוואַקסן דעם געברויך, און דער ביהמ"ד האָט זיך אַריבערגעצויגן אויף די "שערי פינה" גאַס אינעם ביהמ"ד פונעם טשאַקאָווער רבי'ן זצ"ל.

## לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו

דער נייער ביהמ"ד האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין א שטאַרקע הצלחה, און עס זענען ניתוסף געווען ספסלי ביהמ"ד. ווי שוין דערמאַנט פאַרגאַנגענעם חודש, איז דער ביהמ"ד געוואָרן באַקאַנט אַלס געהויבענער חסידישער ווינקל, וואָס האָט צוגעצויגן צו זיך געהויבענע חסידישע אידן וואָס האָבן זיך קובע מקום געווען לתורה ותפלה אין דעם ביהמ"ד, ובפרט תלמידים וחסידים פון רבי'ן זי"ע וואָס זענען שוין דאַן אַרויפגעקומען פון אייראָפּע זיך צו באַזעצן אין ירושלים עיה"ק.



אויך זענען אין דעם ביהמ"ד פאַרבליבן עטליכע חשוב'ע מתפללים וואָס האָבן פריער געדאַווענט ביים טשאַקאָווער רב זצ"ל, און אַזוי האָט דער ביהמ"ד זוכה געווען צו א געהויבענעם קרייז פון בני עלי' ונקיי הדעת שבירושלים.

דער רבי זי"ע איז געווען זייער מקושר צו דעם ביהמ"ד און האָט כסדר געהאַט השתוקקות נאָכאַמאָל צו באַזוכן אין ארה"ק בכלל, און אין דעם ביהמ"ד בפרט, וואָס איז ממש געווען משאת נפשו ולבבו. דער רבי זי"ע האָט משתוקק געווען דערצו, ולעומת זה האָבן די מתפללים אין רבי'נס ביהמ"ד אוהל רחל גאָר שטאַרק אַרויסגעקוקט אויף נאָך א געלעגענהייט צו קענען מקבל פנים זיין דעם רבי'ן זי"ע בחוצות ירושלים. איבערהויפּט די ירושלימ'ער אידן וואָס האָבן געהאַט די זכי' מיטצוהאַלטן דעם רבי'נס באַזוך אין ירושלים פון שנת תרצ"ב, האָבן זינט דאַן זיך גאָר שטאַרק געבענקט צו די געהויבענע טעג, און האָבן שטאַרק אַרויסגעקוקט נאָכאַמאָל צו קענען מיטלעבן אַזעלכע התרוממות'דיגע מאָמענטן בצל קדשו פון רבי'ן זי"ע אין ירושלים.

די מתפללים אין ביהמ"ד אוהל רחל האָבן דאַן געהאַט איינגעלאַדענט דעם רבי'ן אַז ער זאָל קומען קיין ארץ ישראל אויף די ימים נוראים פון שנת ת"ש, און דאַווענען אַלע תפלות און דרשות אין זיין ביהמ"ד אוהל רחל.

דער פלאַן האָט זיך שוין געהאַלטן אינמיטן אַנטוויקלען, און זומער תרצ"ט האָבן שוין קורסירט די קלאַנגען צווישן רבי'נס חסידים אין חו"ל, אַז דער רבי האָט בדעה צו פאָרן קיין ארץ ישראל און צו פאַרבלייבן אין ירושלים אויף ביז נאָך די הייליגע טעג. עס האָט דאַן געהייסן אַז דער רבי זי"ע וועט אָנקומען ערגעץ-ווען סוף יאָר, אום חודש אלול, און וועט פראַווען די הייליגע טעג פון ראש השנה ביז נאָך שמחת תורה פון שנת ת"ש בבית מדרשו אוהל רחל אין ירושלים עיה"ק.

עס איז איבעריג אַרויסצוברענגען די שטאַרקע שמחה וואָס עס איז געווען פאַר'ן רבי'נס חסידים אין ירושלים אויף די גרויסע זכי' וואָס זיי וועלן האָבן, אָבער דערקעגן דעם רבי'נס חסידים אין חו"ל האָבן דאָס נישט אַזוי לייכט אויפגענומען. עס איז פאַרבליבן אַן אינטרעסאנטע בריוו וואָס עס האָט געשריבן הרה"ח ר' יעקב (יעקל) שוואַרץ ז"ל וועלכער איז דאַן געווען א בחור און האָט געוואוינט אין סאַטמאַר, צו זיין ידיד הרה"ח ר' אהרן הכהן פּאָלאַק ז"ל אין וועלכן ער דערמאַנט די שמועה אַז דער רבי זי"ע וועט וויילן אויף די הייליגע טעג פון יענעם יאָר אין ירושלים עיה"ק. ער שרייבט אים צווישן אַנדערן:

**ידידי היקר מה אומר לך, נשברה לבי בקרבי לאלף שברים, ובמסתרים תבכה נפשי וכו' על השמועה אשר בעירינו אשר כ"ק אדמו"ר שליט"א יסע על הימים הקדושים לארץ הקדושה. אף שלא נגמר עוד הדבר עוד בבירור גמור, אבל מי יודע אם נזכה לשמוע מפה קדשו בימים הנוראים, או או ידידי היקר, מי יאמר לנו דרשות בימים הקדושים, מי יעורר לבבינו האטומים וסתומים, ומי יאמר לנו הושענות, אך אשים בטחוני באבינו אב הרחמן שאל ימנע הטוב מאתנו ונזכה יחד לשמוע סדר עבודתו בימים הנוראים מפה קדשו, והשם הטוב יהי' בעזרינו שנוכל להכין עצמינו להימים הקדושים, ונזכה אינאיינעם צו טאנצן די הקפות, ונזכה לראות בישועת כל ישראל ושמחתו במהרה בימינו.**

**ידידך המצפה לראותך, הק' יעקב שווארץ.**

(איבערזעצונג אויף אידיש אין קורצן: מיין טייערער ידיד, וואָס זאָל איך דיר זאָגן. איך בין גאָר שטאַרק צובראָכן פון די שמועה וואָס מ'הערט אַז דער רבי שליט"א (זצ"ל) וועט אויף די ימים נוראים פאָרן קיין ארצינו הק'. טראָץ וואָס עס איז נאָכנישט באַשלאָסן געוואָרן אויף זיכער, אָבער ווער ווייסט אויב מיר וועלן האָבן די זכי' צו הערן דעם רבי'ן אין די הייליגע טעג. ווער וועט אונז זאָגן דרשות; ווער וועט מעורר זיין אונזערע פארשטאפּעטע הערצער, ווער וועט אונז זאָגן די הושענות? איך פארלאז מיך נאָר אויפ'ן אויבערשטן אַז ער וועט אונז נישט פאַרלאָזן, און מיר וועלן ווייטער הערן צוזאַמען דעם רבי'נס סדר העבודה אין די ימים נוראים (אַז ער וועט פאַרבלייבן אין סאַטמאַר) וכו'.)

## די ווייטערדיג אַנטוויקלונגען

דעם רבי'נס חסידים אין אייראָפּע האָבן טאַקע זייער געהאָפט אַז די פּלענער וועלן זיך נישט אויסאַרבעטן, אָבער לעומת זה זענען געווען די ירושלימ'ער חסידים פון רבי'ן, מתפללים אין ביהמ"ד אוהל רחל וואָס האָבן דייקא יאָ אַרויסגעקוקט אַז דער רבי זי"ע זאָל דאָרט באַזוכן, און פראַווען דאָרט זיין הייליגע עבודה במשך די ימים נוראים.

למעשה האָט זיך עס נישט אויסגעאַרבעט און דער רבי זי"ע איז אויף די ימים נוראים פון ת"ש געבליבן אין סאַטמאַר. אָבער דעם רבי'נס חסידים אין ארץ ישראל האָבן נישט אויפגעגעבן, און האָבן שטאַרק געאַרבעט אַז דער רבי זאָל אָנהייב ת"ש קומען אויף א באַזוך צו זיי.

די מתפללים פון ביהמ"ד אוהל רחל האָבן זיך דאַן געוואָנדן צו די נויטיגע אינסטאַנצן, צו בעטן אַז מ'זאָל שענקן פאַר'ן רבי'ן זי"ע די נויטיגע שריפטן אַז ער זאָל קענען קומען קיין ארץ ישראל. ווי מ'זעט פון די בקשה, האָבן די בריטישע אינסטאַנצן דאַן געהאַט אויפגעהערט צו געבן ערלויבענישן פאַר רומענישע בירגער צו קענען קומען קיין ארץ ישראל, און אַזוי האָט דער רבי געהאַט שוועריקייטן מיט'ן באַקומען א וויזע. דעם רבי'נס חסידים האָבן דעריבער געבעטן אַז מ'זאָל מאַכן אַן אויסנאַם און יאָ שענקן פאַר'ן רבי'ן א וויזע.



די בקשה איז געשריבן געוואָרן אויף א דרוק-סאָרט (לעדערהעד) פון ביהמ"ד אוהל רחל, א חודש נאָך די הייליגע טעג, ל' חשון ת"ש, און ליינט זיך ווי פאָלגענד:

**פעיה"ק ירושלים ת"ו ל' מרחשון ת"ש.**

**מעלת כבוד מנהל מחלקת העלי' ירושלים א. מ. ג.**

**בשם בית מדרשינו אנו פונים לכבו' בבקשתינו הנחוצה לסדר נא בטובו שכ"ק רבינו ומרדכינו הרב יואל טייטלבוים אב"ד סאטמאר (רומני') יקבל וויזא תורית לארץ ישראל. והיות שרבינו הנ"ל הוא משפיע הרוחני שלנו, הכח המאחד אותנו, חלק גדול ממתפללי בית מדרשינו היו נמנים בכלל אלה האלפים ורבבות חסידיו ומעריציו בחו"ל, ששיטת חייהם הדת והמסורת מתנהגים אך ורק עפ"י הוראתו ברוח קדשו, לעתים נוסעים מבית מדרשינו לחו"ל לבקרו ולקבל השפעותו הרוחנית, לזאת הפצרנו אותו שיבקר את ארצה"ק שיהי' לנו לעונג רוחני, ועכשיו כבר זכינו שנעתר לבקשתינו לעלות לביקור לארץ ישראל על משך חדשיים, אבל לדאבונינו נפסק נתינת הוויזות לארץ ישראל לתושבי רומני' באחרונה.**

**איפוא הננו פונים בבקשתינו לכבו', נא יטיב בחסדו לבית מדרשינו בזה שינתן הוראה לקנסול הבריטי בבוקארעסט לתת וויזא תורית לרבינו הק' הנ"ל, והוא מוכן לתת ערבות כסף כמה שידרשו לידו שזה לבטוחה שלא ישאר בארץ ישראל להנתק ח"ו מהמון חסידיו המושפעים ממנו בחו"ל, ובזה יתבצר ויתאחד בית מדרשינו לעוז ותפארת בעהי"ת.**

**בתקוה נאמנה למלאות בקשתינו בהקדם, אנו מביעים תודתינו מראש. ברגשי כבוד והוקרה.**

(איבערזעצונג אויף אידיש אין קורצן: אין נאָמען פון אונזער ביהמ"ד ווענדן מיר זיך מיט א וויכטיגע בקשה אַז איר זאָלט צוהעלפן אַז אונזער גרויסער רבי (רביה"ק זי"ע) דער סאַטמאַרער רב אין רומעניע, זאָל קענען באַקומען א טוריסט-וויזע קיין ארץ ישראל. דער רבי איז אונזער רוחניות'דיגער משפיע; ער איז דער כח וואָס האַלט אונז צוזאַמען; א גרויסער טייל פון די מתפללים ביי אונז אין ביהמ"ד האָבן אין אייראָפּע זיך געציילט צווישן די צענדליגער טויזנטער חסידים פון רבי'ן אין חו"ל, וואָס זייער גאַנצע רוחניות'דיגער לעבנסשטייגער און מסורה פירט זיך לויט די הייליגע אָנווייזונגען פון רבי'ן; צומאָל פאָרן מתפללים פון אונזער ביהמ"ד קיין אויסלאַנד אים צו באַזוכן און מקבל צו זיין זיין רוחניות'דיגע השפעה. דעריבער האָבן מיר אים געבעטן אַז ער זאָל באַזוכן אין ארץ ישראל, כדי מיר זאָלן קענען האָבן אַן עונג רוחני. איצט האָבן מיר שוין זוכה געווען אַז ער איז שוין מסכים צו קומען אויף א באַזוך פון צוויי חדשים, אָבער צו אונזער באַדויערן האָט מען לעצטענס אויפגעהערט צו געבן וויזעס פאַר רומענישע בירגער וואָס ווילן אַרויפקומען קיין ארץ ישראל.

דעריבער ווענדן מיר זיך צו אייך, אַז איר זאָלט אַרויסהעלפן פאַר אונזער ביהמ"ד מיט דעם וואָס איר זאָלט באַפעלן פאַר'ן בריטישן קאנסול אין בוקרעסט צו געבן א טוריסט-וויזע פאַר אונזער

»»»» פארזעצונג אויף קומענדיגן זייט »»»»

# באַזוכן פונדערווייטענס

(פארזעצונג פון זייט א)

געפירט. פון ווייט אַוועק ווערן געגעבן די געניוע אָנווייזונגען ווי אַזוי זיך צו פירן אויף טריט און שריט, און אַזוי איז מען מצליח אָנצוגיין מיט די צלחמה. דאָס איז אין אַלגעמיין, אָבער כדי אַז די סאָלדאַטן אויפ'ן פראָנט זאָלן האָבן דעם טרייב-קראַפט און כח אויסצוהאַלטן די שווערע אומשטענדן, זענען די גענערעלער זיך מטריח מזמן לזמן, צו קומען פערזענליך באַזוכן ביי די סאָלדאַטן, וואָס דאָס בלאָזט אַריין אין זיי כח און מוט צו קענען שטיין בקשרי המלחמה.

גרייטן זיך אנ"ש אין ארה"ק מיטצוהאַלטן געהויבענע מאָמענטן. דער שר צבא ה' מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועט קומען צו פאָרן קיין ארץ ישראל ממשיך צו זיין די מלחמה, און גלייכצייטיג מחזק זיין די שרידים אשר ה' קורא עליהם. פיל מער ווי א באַזוך פון רבי'ן שליט"א אויף אַנדערע מקומות, מחזק צו זיין דעם ציבור חסידים ותלמידים וואָס וואוינט דאָרט, האָט דעם רבי'ן שליט"א'ס באַזוך אין ארץ ישראל א פיל טיפערן משמעות און באַדייט.

דער מציאות איבערצייגט עס. יעדע באַזוך פון רבי'ן שליט"א אין ארץ ישראל איז א חיזוק נישט בלויז פאַר'ן היימישן ציבור, נאָר פאַר די גאַנצע שיטה הק' פון רבי'ן זי"ע. די באַזוכן פון רבי'ן שליט"א ברענגן צום אויבערפלאַך דעם גלאַנץ און חן פון קהלתינו הקדושות אין ירושלים און אין בני ברק, און עס צייגט קבל עולם ומלואו די ריכטיגע פאַרבן פון "סאַטמאַר בתפארתה". יאָ, פון די קליינע הייפעלע מיט וועמען רביה"ק זי"ע האָט אָנגעהויבן פירן זיין הייליגע מלחמה, פון די געציילטע אידן וועמען יעדער האָט אַוועקגעמאַכט, אָט פון זיי איז אויסגעשטיגן אַזאַ הערליכע אימפעריע. פון די געציילטע קינדער מיט וואָס רביה"ק זי"ע האָט מייסד געווען זיינע הייליגע מוסדות אין בני ברק, מוסדות וואָס לויט די דעמאָלס'דיגע אומשטענדן האָט קיינער עס נישט געגעבן קיין זכות קיום, אָט די מוסדות גרייטן זיך איצט שוין אָפּצוצייכענען גאַנצע זעכציג יאָר, א "יובל השישים" זינט די מוסדות זענען נתייסד געוואָרן. אָט דאָס איז די גרעסטע חיזוק פאַר די שיטה הק' פון רבי'ן זי"ע, דאָס צייגט דאָס שטערקסטע דעם "נצח ישראל לא ישקר" און עס איבערצייגט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַז אידן אין ארץ ישראל קענען און דאַרפן עקזעסטירן אויך אָן די שטיצע מממשלת הכופרים.

אנ"ש אין ארץ ישראל ווערן פון דעם באַזוך אי"ה שעפּן הויפּענס מיט חיזוק, און זיי דאַרפן דאָס האָבן. אויסער די שווערע נסיונות וואָס מ'מאַכט ליידער מיט מבחוץ, זענען די נסיונות "מבית" גאָרנישט אונטערשטעלוג. קהל עדתינו אין בני ברק האַלטן אינמיטן איבערלעבן שווערע און פיינפולע יאָרן, זייענדיג די לעצטע יאָרן דער ציל-ברעט פון די וואָס ווילן ח"ו נאָר זען די קהלה ומוסדותי' בחורבנה היל"ת. מיט אַלע ערליי מיטלען און פסול'סטע אופנים, דערגייט מען די יאָרן פון די קהלה און די מוסדות, און מיט וויפיל די צייט רוקט זיך פאָראויס, האַלט מען נאָך ליידער ביים זעלבן: די קהלה און די מוסדות ווערן אונטערדרוקט אויף א שרעקליכן אופן.

אחינו לדעה דאַרפן חיזוק, און דאָס ווען זיי אי"ה שעפּן מיט גרויסע לעפלן ביים באַזוך פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א. אויסער דעם פשוט'ן באַגריף פון חיזוק, מיטצולעבן געהויבענע טעג בצל הקודש, האָט מרן רבינו הגה"ק שליט"א געשטעלט א באַדינג באַלד ביים אָנהויב, אַז והי' כי יבא לא יבא ריקם. א באַקאַנטער וועלטס-ווערטל טראָגט זיך אַרום שוין יאָרן, אַז אויף צו געווינען א מלחמה דאַרף מען האָבן דריי זאַכן "געלט, געלט און... געלט". רבינו שליט"א האָפּט אי"ה מיטצוברענגען גרויסע סכומים געלט פאַר די הייליגע מוסדות. רבינו שליט"א איז אפילו אַרויס מגדרו צו ערלויבן פאַר אַן ענגע קבוצה נגידים בעם, מיטצוהאַלטן די נסיעה, און גלייכצייטיג פאָדערט רבינו שליט"א אַז אין בעפאָרגרייטונג צו די נסיעה, זאָל דאָהי אונטערגענומען ווערן גרעסערע אַקציעס, כדי צו שאַפן די גרויסע סכומים מיט וואָס די מוסדות אין ארץ ישראל זענען אונטערשטעלוג צו צאָלן פאַר די כלי קודש.

עפ"י בקשתו הפרטית פון מרן רבינו שליט"א וועלן רובם ככולם פון אנ"ש תלמידיו וחסידיו פאַרבלייבן במקומות מושבותיהם, און וועלן נישט פאָרן פערזענליך מיטצוהאַלטן דעם געהויבענעם באַזוך. אָבער אויף צו זיין א סאָלדאַט אין די מלחמה, און אויף מיטצוהאַלטן דעם באַזוך דאַרף מען בכלל נישט אַריבערפאָרן פערזענליך... אויב איז דער גאַנצער ציל צו שענקן חיזוק, און צו זען אַז די מוסדות הק' זאָלן שטיין אויף א יסוד בסיס, דאָס קען און דאַרף יעדער איינער טון אויך וואו אימער מ'געפונט זיך נאָר. מיט יעדע נתינה וואָס מ'שענקט פאַר די מוסדות, און מיט וויפיל מ'שטרענגט זיך אָן צו שענקן ספּעציעל גרעסערע נתיות פאַר די מוסדות לכבוד דעם באַזוך פון רבי'ן שליט"א, ברענגט מען נענטער צום ציל, אַז די נסיעה זאָל ברענגען וואָס מער חיזוק פאַר אנ"ש וואָס שטייען אויפ'ן פראָנט.

דאָס איז אונזער פליכט אין איצטיגן מאָמענט, און עס איז זיכער אַז אנ"ש אין ניו יאָרק און אומעטום וועלן זיך צושטעלן אַלס סאָלדאַטן אין די גרויסע מלחמה לה' בעמלק ביי וועלכן אנ"ש אין ארה"ק שטייען אויפ'ן פראָנט, דורכ'ן זיי צושיקן די מעגליכקייט צו שטיין אין די מלחמה, מיט'ן שענקן גרעסערע סכומים אין וואָס די מוסדות הק' נויטיגן זיך אין איצטיגן מאָמענט.

וזכותו הגדול פון מרן רביה"ק זי"ע וועט זיכער ביישטיין פאַר אַלע תומכים ומסייעים געהאָלפן צו ווערן בכל מילי דמיטב, ובקרוב נזכה לקבל פני משיח צדקינו באנפין נהירין.

»»»» פאַרזעצונג פון פריערדיגע זייט »»»»

הייליגן רבי'ן. ער איז גרייט איינצולייגן א גרויסן סכום געלט וויפיל מ'וועט נאָר פאַרלאַנגן פון אים, אַלס ערבות צו פאַרזיכערן אַז ער וועט נישט בלייבן אין ארץ ישראל, זיך אָפּצורייסן פון זיינע מאַסן חסידים וואָס ווערן מושפע פון אים אין חו"ל, און אַזוי וועט מיט'ן רבי'נס אָנקומען באַפעסטיגט ווערן אונזער ביהמ"ד וכו'.)

דעם רבי'נס חסידים אין אייראָפּע זענען געווען זייער אומרואיג מיט'ן רבי'נס באַזוך אין ארץ ישראל. אייראָפּע איז שוין דאַן געווען באַדעקט מיט געדיכטע שוואַרצע וואלקענס, דער צווייטער וועלטס-קריג איז שוין דאַן געווען אין פולן קראַפט, פוילן איז שוין דאַן געווען אינוואַדירט דורך די דייטשע רשעים ימ"ש, און מ'האָט שוין אָנגעהויבן צו הערן פון די שוידערליכע רציחות וואָס די דייטשן ימ"ש פירן דורך אויף אידן. אַזוי אַז טראָץ וואָס אין אונגאַרן און רומעניע איז דאַן נאָך געווען רעלאַטיוו רואיגע מאָמענטן, האָבן דעם רבי'נס חסידים מורא געהאַט, אַז איינמאָל דער רבי וועט זיין ארץ ישראל, וועט מען אים בעטן אַז ער זאָל שוין בלייבן אין ירושלים, און דער רבי וועט אויספירן זיין פיליעריגן שטרעבונג זיך פערמענאַנט צו באַזעצן אין ירושלים עיה"ק.



אָבער ווי עס זעט אויס האט דאָס השתדלות פון רבי'נס חסידים אין ירושלים נישט עושה פירות געווען, און דער רבי האָט צום סוף נישט באַזוכט אין ירושלים עיה"ק אין יענעם מאָמענט. ערשט זעקס יאָר שפּעטער, ימים נוראים תש"ו איז דער רבי זי"ע אָנגעקומען קיין ירושלים, נאָכ'ן מיטמאַכן די שווערע יאָרן פון די צווייטע וועלט קריג, און דעם גרויס נס הצלה ביום כ"א כסלו תש"ה, וואָס בערך דרייפערטל יאָר שפּעטער, סליחות תש"ה איז דער רבי אָנגעקומען קיין ירושלים עיה"ק, און האָט דורכאויס די הייליגע טעג פון תש"ו געפראַוועט זיין הייליגע עבודה אינעם ביהמ"ד אוהל רחל אויף די שערי פינה גאַס.

פאָרזעצונג קומט אי"ה.

## ומציון יסעדך

(פאַרזעצונג פון זייט ב)

אויסגעהאַלטענע דריידלעך וואָס זינגט אויף די אידישע שפּראַך דעם לידל "אוי חנוכה אוי חנוכה א יום טוב א שיינע" וואָס ר' שלמה הערש ב"ר משה זאב עקשטיין הי"ו, בעל "דורון ספרים געשעפט" אין קרית יואל האָט דאָס געגעבן פאַר א ספּעציעל ביליגן פרייז.

### הנגיד ר' דוד עקשטיין הי"ו אויפגענומען מיט כבוד

פאַרגאַנגענעם מיטוואָך פרשת וישב האָט מען אין די מוסדות הק' מקבל פנים געווען דעם חשוב'ן גאַסט הרבני החסיד המפואר ר' דוד עקשטיין הי"ו מראה"ק א ין קרית יואל ומחשובי תומכי המוסדות, וועלכער האָט געווילט אין ארה"ק לרגל א משפחה שמחה, און האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו באַזוכן אין די הייליגע מוסדות. ר' דוד הי"ו איז אָנגעקומען אין תלמוד תורה פונקט ווען די תלמידים פון די עלטערע כתות האָבן זיך געגרייט צו דאַוונען מנחה, און האָט מיטגעהאַלטן ווי דער מנה"ר הר"ר יקותיאל יצחק בראַך שליט"א האָט כדרכו יעדן טאָג, דערציילט פאַר די קינדער אַן עובדא פונעם בעל הילולא הרה"ק רבי ברוך ממעזביזש זי"ע, ערוועקנדיג דעם מוסר השכל וואָס מ'דאַרף אַרויסנעמען דערפון אויף חיזוק בעניני תפלה.

נאָכ'ן מיטהאַלטן דעם וואַרימען תפלת מנחה און די הילכיגע אמנ'ס און אמן יהא שמי' רבא'ס וואָס האָט געדונערט, האָט דער חשוב'ער גאַסט ר' דוד הי"ו אויפגעטרעטן מיט וואַרימע ווערטער בעניני תפלה, און דערנאָך פאַרשפּראָכן פאַר די קינדער איבערצוגעבן א גרוס פאַר מרן רבינו הגה"ק שליט"א. ר' דוד הי"ו איז דערנאָך אַרויף צו די תלמידים פון כתה מכינה לישיבה קטנה, וואו ער ווייטער מיטגעהאַלטן זייער דאַווענען מיט גרויס התלהבות, און שפּעטער באַזוכט ביי די יונגערע כתות, ווען אומעטום ווערט ער מער און מער נתפעל פון די שטאַרקע כוחות וואָס מ'לייגט אַריין אין די תלמידים.

עקסטער האָט ר' דוד הי"ו - אין באַגלייטונג פון די געטרייע חברי הנהלה צוזאַמען מיט הרה"ח ר' הערשל ראטער הי"ו - באַזוכט אין די היכלי הישיבות, אָנגעהויבן אינעם ביהמ"ד פון די ישיבה קטנה "היכל שלמה משה" און דערנאָך אין די ישיבה גדולה אין זכרון מאיר, וואו ער האָט אומעטום מיטגעהאַלטן דעם קול תורה אדיר וואָס האָט ארויסגעשפּראלט מבין כותלי ביהמ"ד.

### נגידים אין ניו יאָרק באַקומען פערזענליכן גרוס

פאַרגאַנגענעם פרשת ויצא האָט אָפּגעשטאַט א שיינעם באַזוך אין די תלמוד תורה דער חשוב'ער נגיד ותומך המוסדות מוה"ר אברהם בראך הי"ו חבר הנהלת ישיבה לצעירים דסאַטמאַר אין וויליאַמסבורג, וועלכער האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט פון זיין באַזוך לכבוד א משפחה שמחה, צו באַזוכן אין די תלמוד תורה וואָס ער שטיצט כסדר מיט גרויסע סכומים. אַריבערגייענדיג אַלע כתות האָט ר' אברהם הי"ו געזען מיט הנאה די גרויסע שילדן וואָס זענען מפרסם עושי מצוה, די נדיבים בעם וואָס האָבן אָפּגעקויפט די גרעסערע זכותים אין די מוסדות, און האָט פאַרשפּראָכן איבערצוגעבן פאַר די נגידים א פערזענליכן גרוס פון זייער טאָוועל על כותלי המוסדות. אַהיימקומענדיג קיין ניו יאָרק האָט ר' אברהם טאַקע איבערגעגעבן דעם גרוס פאַר רעיו וידידיו.

## עמוד ההוד

(פאַרזעצונג פון זייט ב)

גלייך אויפ'ן פלאַץ האָבן פילצאָליגע נשים צדקניות אויסגעדרוקט זייער גרייט איינצואָרדען א פאַרטי ביי זיך אין שטוב, און האָבן זיך אויסגעקליבן די פונקטליכע דאַטומס אויף ווען צו פאַררופען די פאַרטיס פאַר זייערע נאָנטע פריינד און משפחה. אין די קומענדיגע טעג וועלן שוין אָפּגעראָכטן ווערן די ערשטע עטליכע פאַרטיס, און במשך די קומענדיגע וואָכן וועלן אָפּגעהאַלטן נאָך און נאָך פאַרטיס מיט די האָפענונג אַז די נשים צדקניות וועלן שפּירן פאַר א זכי' זיכער צו מאַכן אַז מ'נעמט אַנטייל ביי איינס פון די פאַרטיס.

### נייער סיסטעם פון "פרחי העסקנים" אין וויליאַמסבורג

דער באַגריף פון "פרחי העסקנים" ווערט ב"ה מער און מער צושפּרייט, זייענדיג היינט גוט באַקאַנט ביים ציבור אַלס דער מפעל ביי וועלכן די יונגע עסקנים, טייערע תשב"ר גייען יעדן ער"ש ויו"ט אַרום מיט א פושקע-זעקל פון אונזערע מוסדות, ביי די טירן פון שכנים, זיי מזכה צו זיין מיט די גרויסע סגולה פון "אלקא דמאיר עננו". צווישן די פרחי העסקנים אין וויליאַמסבורג איז מיט א צייט צוריק אַריינגעקומען א פרישע התחדשות, ווען עס איז - ווי שוין באַריכטעט - אויפגענומען געוואָרן דער חשוב'ער מלמד מומחה מוה"ר יואל טויב שליט"א אָנצופירן מיט דעם גאנצען מפעל צווישן די טייערע תשב"ר תלמידי מוסדותינו הק' אין וויליאַמסבורג.

מיט זיינע געבענטשטע כשרונות האָט ר' יואל שליט"א באַוויזן אַריינצוברענגען א געוואלדיגן התלהבות צווישן די קינדער דורך פאַרשידענאַרטיגע פעולות, ווי צוזאַמנעמען די קינדער מזמן למזן, אינהאַלסרייכע גורלות וכדומה, וואָס ברענגט דעם געוואונטשענעם קנאת סופרי"ם תרבה, און אַלס מער און מער קינדער שפּירן פאַר א זכי' צו זיין אָנגעשלאָסן אין דעם הייליגן מפעל.




# דִי סְגוּלָה פוּן אֱלָקָא דְמֵאִיר עֲנֵנִי

פַארְגַאנְגֶענֶע חוֹדֶשׁ הָאבְּן מִיר פַארְצֵיילְט אַז אִין דִי עֶרְשְׁטֶע צֵייטְן, מִיט פוּלֶע הוּנְדֶערְטֶער יָארְן צוּרִיק פְלֶעגְט זַיין דֶער מִנְהָג אַז מֶען פְלֶעגְט צִינְדְן לִיכְט לְעִילוּי נִשְׁמַת רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס אוּן מִיט יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף אִינְאֵיינֶעם מִיט דֶעם הֵיילִיגְן אַלְשִׁיךְ הַקָדוֹשׁ אַיינְגֶעפִירְט אַז אַנְשְׁטָאט מְ׳זָאל צִינְדְן לִיכְט פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס, זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ אוֹיסְטוֹישְׁן צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר עֲנִיֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לְעִילוּי נִשְׁמַת רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס, אוּן פוּן דֶעמָאלְטְס אוּן וַוייטֶער הָאבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער שְׁטֶענְדִיג גֶענוּצְט דִי סְגוּלָה פוּן אֱלָקָא דְמֵאִיר עֲנֵנִי דוּרְךְ מְנַדֵב זַיין צְדָקָה פַאר דִי אָרִימֶעלַייט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לְעִילוּי נִשְׁמַת רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס.

אַצִינְד וֶועלְן מִיר זֶעהן אַז דֶער עִנְיָן פוּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר דִי אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ בֵּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל נָאךְ מִיט אַסַאךְ יָארְן פְרִיעֶר, תֵּיכֶף נָאךְ דֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין גָלוּת, אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעוָואלְט וַוייטֶער הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאבְּן אִידְן זִיךְ גֶעלָאזְט קָאסְטְן אַסַאךְ גֶעלְט צוּ שְׁטִיצְן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּקְדוּשָׁה וְטָהֳרָה.

דִי גְמָרָא יְרוּשַׁלְמִי מַסֶכֶת הוֹרִיוֹת פַּארְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין דִי צַייטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים נָאךְ דֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה וֶוערְט אוֹיךְ פַּארְצֵיילְט אִין מֶדְרָשׁ רַבָּה פַּרְשַׁת וַיִקְרָא אוּן אִין פַּרְשַׁת רְאֵה.

דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוּן רַבִּי עֲקִיבָא פְלֶעגְן אַרוֹיסְפָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ דִי אַרוּמִיגֶע שְׁטֶעט, כְּדֵי צוּ זַאמְלֶעמֶען גֶעלְט פַּאר דִי אָרִימֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ גֶעפָארְן צוּ דִי שְׁטָאט אַנְטִוֹכְיָא, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער נַדְבָן מִיטְ׳ן נָאמֶען ״אַבָּא יוּדָן״ וָואס פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן צְדָקָה פַאר דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט.

אֵיין יָאר הָאט פַּאסִירְט אַז דֶער ״אַבָּא יוּדָן״ הָאט לֵיידֶער פַּארְלוֹירְן זַיין פַארְמֶעגְן אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן אָרִימַאן לֹא עָלֵינוּ, מִיט אַ קוּרְצֶע צֵייט שְׁפֶּעטֶער הָאט אַבָּא יוּדָן גֶעזֶען אַז דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים זֶענֶען נָאכְאַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אַנְטִוֹכְיָא נָאךְ גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשֶׁעמְט אוּן עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטָאן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין מֶער נִישְׁט קֶענֶען גֶעבְּן קַיין צְדָקָה פַאר דִי חֲכָמִים אַזוֹי וִוי יֶעדֶעס יָאר, צוּלִיב וָואס עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינְדֶערְהֵיים צְוֵויי טֶעג אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אַרוֹיס אִין גַאס.

הָאט אִים זַיין פְרוֹי גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס אִין דִי גַאס, הָאט עֶר אִיר פַארְצֵיילְט - דִי חֲכָמִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ גֶעלְט אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן, אוּן דֶערְפַאר שֶׁעם אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין אִין גַאס. הָאט זַיין פְרוֹי אִים גֶעזָאגְט—עֶס אִיז אוּנְז דָאךְ נָאךְ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן פוּן אוּנְזֶער פַארְמֶעגְן אֵיין פֶעלְד, גֵיי אַרוֹיס אוּן פַארְקוֹיף אַ הַאלְבֶּע פֶעלְד אוּן דָאס גֶעלְט וֶועסְטוּ גֶעבְּן פַאר דִי חֲכָמִים.

הָאט אַבָּא יוּדָן אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט פַארְקוֹיפְט אַ הַאלְבֶּע פֶעלְד פַאר דִי סוּמֶע פוּן פִינְף גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעבְּרֶענְגְט פַאר דִי חֲכָמִים אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, זֵייט מִתְפַּלֵל פַאר מִיר, הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט ״הַמָקוֹם יְמַלֵא חֶסְרוֹנְךָ״ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶרְפִילְן דַיינֶע פַארְלוּסְטְן.

עֶטְלִיכֶע טֶעג שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אַקֶערְן אִין דִי הַאלְבֶּע שְׁטִיקְל פֶעלְד וָואס עֶס אִיז אִים אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן, הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶנְט אַ גְרוּבּ אוּנְטֶער דִי בְּהֵמָה וָואס הָאט גֶעאַקֶערְט, אוּן דִי בְּהֵמָה אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן אַ פוּס. וֶוען עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען אִין גְרוּבּ אַרוֹיסְצוּשְׁלֶעפְּן דִי בְּהֵמָה הָאט אִים אוֹיפְגֶעלָאכְטֶן דִי אוֹיגְן וֶוען עֶר הָאט גֶעפוּנֶען דָארְט אַ גְרוֹיסְן אוֹצָר, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן פְרִיעֶר.

דָאס קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶוען דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ גֶעלְט קַיין אַנְטוֹכְיָא הָאבְּן זֵיי זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס מַאכְט אַבָּא יוּדָן?, הָאט מֶען זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוער קֶען דֶען צוּקוּמֶען צוּ אַבָּא יוּדָן? עֶר אִיז דָאךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, עֶר אִיז דֶער הֶער פוּן פִילֶע קְנֶעכְט, עֶר אִיז דֶער הֶער פוּן פִילֶע צִיגְן, עֶר אִיז דֶער הֶער פוּן פִילֶע קֶעמְלֶען, עֶר אִיז דֶער הֶער פוּן פִילֶע אָקְסְן.

וֶוען אַבָּא יוּדָן הָאט גֶעהֶערְט אַז דִי חֲכָמִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען, אִיז עֶר שְׁנֶעל אַנְטְקֶעגְן גֶעגַאנְגֶען. הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט וָואס מַאכְסְטוּ? הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַייעֶרֶע תְּפִלוֹת הָאבְּן שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט גֶענוּג פֵּירוֹת, דָאס מֵיינְט אַז זֵייעֶר תְּפִלָה הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. אוּן אַבָּא יוּדָן הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי חֲכָמִים אַ רִיזִיגֶע סוּמֶע פוּן טוֹיזְנְט גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ.

הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט, מִיר הָאבְּן גֶעוִויסְט פוּן דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים אוּן כָאטְשׁ וָואס דוּ הָאסְט פַארְיָאר גֶעגֶעבְּן אַ קְלֶענֶערֶע סוּמֶע וִוי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, דָאךְ הָאבְּן מִיר אַרֵיינְגֶעשְׁרִיבֶּן דַיין נָאמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע אִין דִי בּוּךְ, צוּלִיבּ דִי חֲשִׁיבוּת אַז אַבָּא יוּדָן הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר צְדָקָה פוּן דֶעם לֶעצְטְן בִּיסְל פַארְמֶעגְן וָואס עֶר הָאט נָאךְ גֶעהַאט.

הָאבְּן דִי חֲכָמִים דַאן גֶעלֵיינְט אוֹיף אִים דֶעם פָּסוּק אִין מִשְׁלֵי (פֶּרֶק יח) מַתַּן אָדָם יַרְחִיב לוֹ, דִי מַתָּנוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ גִיבְּט פַאר צְדָקָה טוּט אִים פַארְבְּרֵייטֶערְן, אַז אִין זְכוּת פוּן דִי צְדָקָה וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי לוֹמְדֵי תוֹרָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פִילְפַאכִיג פַארְבְּרֵייטֶערְט זַיין פַארְמֶעגְן אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר.

פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֶעעֶן מִיר דִי חֲשִׁיבוּת אוּן דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אִידְן וָואס לֶערְנֶען תוֹרָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן זִיךְ מַטְרִיחַ גֶעוֶוען יֶעדֶעס יָאר אַרוּמְצוּפָארְן אִין דִי שְׁטֶעט אַרוּם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן צְוֶועק. אוּן אַז אִין זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צְדָקָה אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת פַאר אַבָּא יוּדָן וָואס פְלֶעגְט אַלֶעמָאל גֶעבְּן שֵׁיינֶע סוּמֶעס פַאר דִי הֵיילִיגֶע צְדָקָה.

אוּן טַאקֶע בִּיז צוּם הַיינְטִיגְן טָאג זֶעעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אִין זְכוּת פוּן שְׁטִיצְן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואו דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן לֶערְנֶען בִּקְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, וַוייל אִין דֶעם זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צְדָקָה טוּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיסְהֶערְן דִי אַלֶע בַּקָשׁוֹת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן שִׁיקְט דִי יְשׁוּעָה פוּן הִימְל.

- דִי קִינְדֶער וָואס וֶועלְן צוּרִיק שִׁיקְן דִי עֶנְטְפֶערְס וֶועלְן אַרֵיין גֵיין אִין אַ גוֹרָל אוֹיף אַ $10 גִיפְט סֶערְטִיפִיקַאט.
- נָאר אוֹיבּ אַלֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע אִיז אוֹיסְגֶעפִילְט קֶען מֶען אַרֵיין אִין דֶעם גוֹרָל.
- מִיט דֶעם סֶערְטִיפִיקַאט קֶען מֶען אַיינְקוֹיפְן אִין דִי פָאלְגֶענְדֶע גֶעשֶׁעפְטְן:

**וויליאמסבורג:**
״אוצר ספרים סטאר״
״וואט א בארגען״
״טויס פאר יו״

**קרית יואל:**
״דורן ספרים סטאר״
״קרית יואל ספרים סטאר״
״באזאר״
״מאשקאוויטש״

**דֶער גֶעוִוינֶער פוּן חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן אִיז הַיֶלֶד כְּמַר אַבְרָהָם ב״ר נַפְתָּלִי יַעֲקב וֶוערְצְבֶּערְגֶער - קִרְיַת יוֹאֵל**
**דֶער גֶעוִוינֶער פוּן חוֹדֶשׁ כִּסְלָיו אִיז הַיֶלֶד כְּמַר יוֹסֵף שְׁטֶערְן ב״ר מְנַחֵם זְאֵב –בָּארָא פַּארְק**




## פְּרַאגְן:

1. פוּן וֶוען הָאבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן שִׁיקְן גֶעלְט פַאר דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? ______________________
2. וֶועלְכֶע פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים פְלֶעגְן אַרוֹיסְפָארְן נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי אָרִימֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? ______________________
3. וִויאַזוֹי הָאט גֶעהֵייסְן דֶער גְרוֹיסֶער נַדְבָן פוּן דִי שְׁטָאט אַנְטוֹכְיָא? ______________
4. פַארְוָואס הָאט עֶר אֵיין יָאר נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט פַאר דִי חֲכָמִים? ________
5. פוּן וואוּ הָאט עֶר צוּם סוֹף גֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט צוּ גֶעבְּן פַאר דִי חֲכָמִים? __________
6. וִויפִיל גֶעלְט הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט פַאר דִי חֲכָמִים? ________________
7. וָואס הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען? ________________
8. וָואס הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אִין דֶעם גְרוּבּ אִין זַיין פֶעלְד? ________________
9. וִויפִיל גֶעלְט הָאט אַבָּא יוּדָן גֶעגֶעבְּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר פַאר דִי חֲכָמִים? ________

נָאמֶען ______________________

טַאטֶעס נָאמֶען ______________________

מְלַמֵד ______________ כִּתָּה __________

תַּלְמוּד תּוֹרָה ______________________

טֶעל ______________________

עִיר __________ אַדְרֶעס ______________________



סַדְרָנִים אָנְגֶעטוֹן מִיט אָרֶעם-בֶּענְדֶער בַּאוַואכְן אַרוּם דֶעם רֶבִּי'נְס אוֹיטָא, אַז מְ'זָאל קֶענֶען דוּרְכְפָּארְן דִי מַאסְן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם רֶבִּי'ן זי״ע בַּיים אָנְקוּמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם.

# לְמַעַן יֵדְעוּ דוֹרוֹתֵיכֶם

הִיסְטָארִישֶׁע און אִינְטֶערְסַאנְטֶע בִּילְדֶער פון דֶער הִתְיַיסְדוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת יֵטֶב לֵב



# וַיְהִי בִּנְסֹעַ

## הִיסְטָארִישֶׁע בִּילְדֶער פוּן דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע נְסִיעוֹת פוּן רַבּוֹתֵינוּ הַק' זי״ע

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי וַחֲסִידֵי סַאטְמַאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאבְּן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, וְחֶדְוָה דִקְדוּשָׁה, אוֹיפְגֶענוּמֶען דִי בְּשׂוֹרָה טוֹבָה, אַז כ״ק מָרָן רַבֵּינוּ שליט״א, גְרֵייט זִיךְ צוּ קוּמֶען אוֹיף אַ בַּאזוּךְ אִין אַרְצֵינוּ הַקְדוֹשָׁה.

דִי שִׂמְחָה'דִיגֶע גֶעפִילְן וָואס דִי פְרֵיידִיגֶע נַייעֶס הָאט אַרוֹיסְגֶערוּפְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיז שְׁוֶוער זִיךְ פָארְצוּשְׁטֶעלְן פַאר אַ סַאטְמַאר'ן חָסִיד פוּן חוּץ לָאָרֶץ. אַ אִיד וָואס הָאט דִי זְכִי' צוּ זַיין אַ טֵייל פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צֶענְטְרַאלֶן סַאטְמַארֶע אִימְפֶּעְרְיֶע אִין דִי פַארְאֵיינִיגְטֶע שְׁטַאטְן, אִיז נִישְׁט מְסוּגָל צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אַזַא בַּאזוּךְ מֵיינְט פַאר אַ סַאטְמַארְן חָסִיד פוּן בְּנֵי בְּרַק אָדֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ. און בִּכְלַל פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דִי דָארְטִיגֶע סַאטְמַארֶע אִידְן - גֶענוֹי וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זֶענֶען זִיךְ מִתְנַזֵּר פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט אַ שַׁייְכוּת מִיט דִי מְדִינָה הַצִיוֹנִית - זֶענֶען אִין גֶעוִויסְן זִין, אִין אַ בְּחִינָה פוּן "אַ אִינְזְל אִין מִיטְ'ן אַ בְּרוֹיזֶנְדִיגֶן יַם", אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט בֵּייזֶע כְוַואלְיֶעס וָואס וִוילְן אַלְסְדִינְג אַיינְשְׁלִינְגֶען. דִי דָארְטִיגֶע אִידְן גֶעפִינֶען זִיךְ נָאכַאנַאנְד אַרוּם גֶערִינְגְלְט מִיט מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה פוּן דִי קְרַייזְן וָואס זֶענֶען לַיידֶער יָא נֶהֱנֶה פוּן דִי טָמֶא'נֶע מֶמְשָׁלָה. זֵיי זֶעהְן דִי רִיזִיגֶע הֶערְלִיכֶע בִּנְיָנִים פוּן יֶענֶע קְרַייזְן, דִי גְלַאנְצִיגֶע פַּארַאדֶעס פוּן יֶענֶע מוֹסְדוֹת, דִי בְּרֵייטֶע אוֹיסְגַאבְּן וָואס יֶענֶע מַאכְן, אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי מְדִינָה. און זֵיי - דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן - לֶעבְּן בְּצִימְצוּם גָדוֹל, און דֶערְצוּ וֶוערְן זֵיי נָאךְ סֶעקִירְט און פַארְשֶׁעמְט פוּן דִי וָואס זֶענֶען סָמוּךְ עַל שֻׁלְחָן אִיזֶבֶל.

אַז מֶען קוּמְט קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶעט מֶען דֶעם גְרוֹיסְן דִיפֶערֶענְץ פוּן דִי מוֹסְדוֹת וָואס נֶעמֶען גֶעלְט און דִי וָואס נֶעמֶען נִישְׁט קֵיין גֶעלְט. דֶער דִיפֶערֶענְץ שְׁרַייט אַרוֹיס פוּן יֶעדְן ווִינְקְל. דִי עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת וָואס שְׁטֵייעֶן פֶעסְט און בֵּייגְן זִיךְ נִישְׁט פַארְן שְׁוֶוערְן נִסָיוֹן, זֶענֶען הִיפְּשׁ אוּנְטֶערְשְׁטֶעלִיג מִיט צָאלְן דִי גֶעהַאלְטְן פַאר דִי עוֹסְקִים בִּמְלֶאכֶת הַקוֹדֶשׁ, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט פוּן דִי שֵׁיינֶע גֶעבֵּיידֶעס, פַאר דִי בַּאקְוֶועמְלִיכְקַייט פוּן דִי תַּלְמִידִים, וָואס יֶענֶע מוֹסְדוֹת הָאבְּן.

עֶס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן בִרְאוֹתִי כָּל עִיר עַל תִּילָהּ בְּנוּיָה, וְעִיר הָאֱלֹקִים מוּשְׁפֶּלֶת עַד שְׁאוֹל תַּחְתִּיָּה.

דֶערִיבֶּער, וֶוען עֶס קוּמְט אָן דִי בְּשׂוֹרָה טוֹבָה אַז דֶער רֶבִּי שליט״אַ קוּמְט אוֹיף אַ בַּאזוּךְ, אִיז עֶס אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חִיזוּק, עֶס גִיט אַרֵיין כּוֹחוֹת הַנֶּפֶשׁ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין, און שְׁטֵיין אוֹיפְ'ן פְּרַאנְט און נִישְׁט אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן טְרַאץ דִי אַלֶע נִסְיוֹנוֹת און שְׁוֶועְרֶעקַייטְן.



רביה״ק בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל זי״ע קוּקְט מִיט הִשְׁתּוֹקְקוּת אוֹיף ארה״ק, שְׁטֵייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן דֶעק פוּן דִי שִׁיף הַארְט פַאר'ן אָנְקוּמֶען צוּם פָּארְט, בַּיי זַיין בַּאזוּךְ אִין ארה״ק בִּשְׁנַת תשט״ו



טוֹיזְנְטֶער יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער אִידְן שְׁטוּפְּן זִיךְ בַּיי דִי טוֹיעֶרְן פוּן ביהמ״ד אוֹהֶל רָחֵל אִין יְרוּשָׁלַיִם, וֶועלְעֶנְדִיג אַרַיינְגֵיין שָׁלוֹם נֶעמֶען פוּן מָרָן רביה״ק בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל זי״ע גְלַייךְ נָאכְן בַּאטְרֶעטְן דֶעם יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער בָּאדֶען

## מסע המלכות תשמ״ג



רביה״ק בַּעַל בֵּרֵךְ מֹשֶׁה זי״ע אִין בַּאגְלֵייטוּנְג פוּן יבלחט״א בָּנָיו מָרָן רַבֵּינוּ הגה״ק שליט״א וְאָחִיו הגה״צ אבדק״ק סַאטְמַאר-15טע עוו. שליט״א בַּיים אָפְּשְׁטַייגְן פוּן פְלִיגֶער בִּשְׁנַת תשמ״ג.



בָּנָיו כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים סָבִיב

רביה״ק בַּעַל בֵּרֵךְ מֹשֶׁה זי״ע אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט בָּנָיו הגה״צ שליט״א גְלַייךְ נָאכְן אָפְּשְׁטַייגְן פוּן פְלִיגֶער, אָנְקוּמֶענְדִיג קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּשְׁנַת תשמ״ג

## קיין שום טעות נישט געווען...

לכבוד הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ק

מ'האַלט שוין אַצינד ווידער אָנהייב ווינטער, און ווי איך הער גרייט מען זיך דאָס יאָר ווידעראַמאָל איינצוארדען דאָ אין קרית יואל די קלענערע פּאַרטיס לטובת די הייליגע מוסדות "יטב לב" וואָס מ'האָט דאָס שוין פאַרגאַנגענעם יאָר שוין איינגעאָרדענט אויף דעם אופן, און איך קען מעיד זיין אַז עס איז ב"ה געווען א געוואַלדיגע הצלחה.

ווערט איר דאָך זיכער פרעגן, פון וואו ווייס איך אַז עס איז געווען מיט הצלחה? איך בין נישט קיין עסקן און נישט קיין חבר הנהלה. כ'האָב נישט אָפּגעציילט דעם סך הכל וואָס עס איז אַריינגעקומען נאָך אַלע פּאַרטי'ס אויפאַמאָל, און כ'האָב אויך נישט מיטגעהאַלטן וויפיל מ'האָט געמאַכט אין די פריערדיגע יאָרן, אַז עס זאָל קענען צוזאַמשטעלן און זען מיט וויפיל מער מ'האָט מצליח געווען פאַרגאַנגענעם יאָר. פּאָרט אָבער זאָג איך נאָך אַלץ מיט זיכערקייט, אַז די פּאַרטיס פון פאַרגאַנגענעם יאָר איז געווען מיט א געוואַלדיגע הצלחה.

פון וואו איך ווייס?

מבשרי אחזה!

לאמיך אייך דערציילן. איך בין אויך געווען איינער פון די וואָס האָבן געהאַט די זכי', אַז ביי מיר אין שטוב האָט מען געמאַכט א פּאַרטי לטובת מוסדות יטב לב. עס ליגט מיר נאָך גוט אין זכרון וואָס מיר זענען דעמאָלט דורך, וואָס דאָס וועל איך אייך אַביסל דערציילן.

ס'איז געווען אין יענע תקופה, האָבן א גרופּע עסקניות גערופן מיין ב"ב תחי' צו קומען אַנטייל נעמען ביי א "מיטונג" לטובת מוסדות יטב לב. מיין פרוי איז געגאַנגען, און איינע פון די עסקניות האָט דאָרט פאָרגעשלאָגן פאַר די באַטייליגטע צו נעמען אויף זיך איינצוארדען א קלענערע פּאַרטי אין שטוב. מיין ב"ב תחי' האָט זיך גלייך אָנגעטראָגן אַז זי איז גרייט דערצו, און מ'האָט איר געזאָגט אַז אין די נאָנטע טעג וועט מען זיך פאַרבינדן מיט איר אפצושמועסן דעם פונקטליכן טאָג ווען זי וועט עס מאַכן.

דאָס אַלעס ווייסט איר דאָך אַליינס. אָבער וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט נאָכדעם דאָס איז אייך זיכער נאָכנישט באַקאַנט. אינצווישן האָט עפּעס פּאַסירט, און ליידער נישט קיין פרייליכע געשעעניש... מיין ב"ב תחי' איז פלוצים געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט. זי איז געגאַנגען צום דאָקטאָר, און אויף זיינע מאשענס האָט זי שוין גלייך געזען אַז... עפּעס טויג נישט. דער דאָקטאָר איז עפּעס געווען זייער אומצופרידן פון איר שוואַכקייט, מיט האַלבע ווערטער האָט ער מרמז געווען אַז ער איז חושד אויף עפּעס... און ער האָט איר באַפוילן אַז זי זאָל גיין צו א גרעסערן דאָקטאָר.

איך געדענק ווי היינט. עס איז געווען א מאָנטאָג טאָג אינדערפרי ווען זי האָט געהאַט דעם אנטפּוינמענט ביים גרעסערן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט געמאַכט פאַרשידענע בלאָט-טעסט'ס, און אויך דער דאָקטאָר האָט נישט אויסגעקוקט צו פריילעך. ער האָט עס אונז נישט אַרויסגעזאָגט, אָבער זיינע רמזים זענען געווען גענוג קלאָר און שרייענדיג, אַז ער האָט מורא אַז דאָס איז... די עכטע מעשה ל"ע ול"ע פאַר קיין שום איד געדאַכט. ער האָט אונז געהייסן צוריקרופן דאָנערשטאָג, הערן וואָס ער האָט צו זאָגן אויף די טעסטס.

איך שרייב די מעשה סאַך שנעלער און פיל טרוקענער ווי עס האָט ווירקליך פּאַסירט. איר קענט זיך אַליינס פארשטעלן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון ביי אונז אין הארץ, ווי דערשראָקן מיר זענען געווען, און מיט וויפיל אַנגסט מיר האָבן זיך אַרומגעטראָגן.

ביני לביני איז מיין ב"ב ווייטער געווען אָפּגעשוואַכט, און פונקט צומאָרגענס, דינסטאָג אינדערפרי, איין טאָג נאָכדעם וואָס זי האָט גענומען די בלאָט-טעסטס, האָט דער טעלפאָן געקלונגען. עס אַז געווען די עסקניות פון יטב לב, וועלכע האָט - ווי פאַרשטענדליך - פון גאָרנישט געוואוסט, און זי האָט גערופן אפצושמועסן מיט איר דעם טאָג וואָס זי קען מאַכן די פּאַרטי. מיין ב"ב האָט שוין כמעט געהאַלטן ביים אַרויסזאָגן פון מויל "כ'האָב נישט קיין כח. איך קען נישט מאַכן די פּאַרטי" אָבער עפּעס האָט איר געשטופּט, און נאָך מער, אַנשטאַט צו זאָגן לכה"פ אַז זי וועט עס מאַכן אַביסל שפּעטער, האָט זי אָפּגעשמועסט אויף א געוויסן טאָג ווען זי וועט עס מאַכן.

יאָ, זי האָט גוט געוואוסט אַז זי האָט קוים כח צוצושטעלן נאַכטמאָל פאַר די קינדער, זי האָט געוואוסט אַז ביז עטליכע טעג דאַרף זי צוריקרופן דעם דאָקטאָר, וואָס גאַנץ מעגליך אַז א טאָג דערויף וועט זי שוין אָנהייבן נעמען די ביטערע פיינפולע טריעטמעטנס. אָבער דאָך... דאָס געוויסן האָט איר נישט געלאָזט, און זי האָט באַשטימט א טאָג ווען צו מאַכן די פּאַרטי ביי זיך אין שטוב!

דאָס איז געווען דינסטאָג. דאָנערשטאָג האָט זי צוריקגערופן דעם דאָקטאָר, און עס איז פאַרשטענדליך מיט וויפיל אַנגסט זי האָט געוואַרט צו הערן וואָס עס וואַרט נאָך אויף איר, און אויב ס'איז בכלל שייך נאָך עפּעס צו טון. אָבער...

פלוצים האָט דער דאָקטאָר פאַרענדערט זיין דיאַגנאָז. ער זאָגט אונז קלאָר "איך ווייס נישט וואָס כ'האָב געזאָגט און וואָס כ'האָב נישט געזאָגט מאָנטאָג, אָבער איצט זאָג איך אייך קלאָר. עס איז 'גאָרנישט'!" ער האָט אונז דערציילט אַז ער האָט באַשלאָסן נאָכאַמאָל איבערצוקוקן די טעסטס, און ער זעט קלאָר אַז ער האָט זיך פשוט טועה געווען. מיין פרוי ליידט פון א מינדערוויכטיגע קאָמפּליקאַציע וואָס מ'קען לייכט היילן דורך געווענליכע "אָווער דע קאַנטער מעדעצינען".

מיר זענען ביידע געווען איבערראַשט. דער דאָקטאָר האָט געמיינט אַז ער האָט זיך טועה געווען, אָבער ביי אונז איז געווען קלאָר אַז ער האָט זיך גאָרנישט געהאַט טועה געווען. מאָנטאָג איז דער ביטערער דיאַגנאָז טאַקע געווען ריכטיג. אָבער אינצווישן איז ביי אונז צוגעקומען דער זכות פון "מוסדות יטב לב" און דער דיאַגנאָז האָט זיך פשוט געביטן! אַלעס איז נשתנה געוואָרן לטובה.

נו, בין איך נישט גערעכט אַז די פּאַרטיס האָבן מצליח געווען?! שוין איינמאָל מצליח געווען! א אידישע מאַמע איז ב"ה ווייטער געזונט און פריש, זיך אָפּצוגעבן מיט'ן מחנך זיין די קינדער. א קלייניגקייט?!

זאָל השי"ת אייך ווייטער געבן כח און געזונט אָנצוגיין ווייטער מיט דער עבודת הקודש, אויפצורעכטן אידישע הייזער און משפחות, און השי"ת זאָל העלפן אַז אידן זאָלן געבן פאַר מוסדות יטב לב מתוך שמחה, ביים פראַוועון שמחות אין שטוב, ווי איידער ח"ו מתוך צער ויגון.

אייער פריינד

...

**קרית יואל יצ"ו**

לכבוד מערכת בקודש חזיתיק.

איך וויל ח"ו קיינעם נישט אַוועקמאַכן, און איך מיין נישט גאָרנישט. אָבער אַזוי בין איך בטבע (אַזוי רעדט איך מיר איין עכ"פ...) אַז איך ווער נישט אַזוי שנעל אנציקט ווען איך ליין סיי וואָס. נישט אַלץ כאַפּט מיך זאַכן, און אפילו ווען מענטשן שרייבן פערזענליכע איבערלעבענישן. ווער זאָגט אַז ער שרייבט דעם אמת? אפשר איז עס נישט געווען פונקט אַזוי... וועגן דעם טאַקע האָט מיך נישט צופיל געצויגן די מעשיות וואָס ערשיינען חודש'ליך אינעם קאָלום פון "בדידי הוה עובדא". כ'האָב עס אַלץ געליינט. ס'איז מיר געווען אינטרעסאַנט צו זען דעם מהלך המחשבה פון מענטשן, אָבער כ'האָב נישט צופיל געגלייבט אַז עס איז ווירקליך אַזוי.

ביז...

פאַרגאַנגענעם חודש איז ערשינען א מעשה פון א אינגערמאַן וואָס האָט געגעבן א ריזן סכום געלט פאַר יטב לב, זאָגנדיג אַז דאָס איז "מעשר געלט" פון א געשעפט, און ער גיט דאָס בפקודת כ"ק מרן רבינו שליט"א וואָס האָט באַפוילן, אַז אויב וויל ער מצליח זיין אין דעם געשעפט, זאָל ער געבן די מעשר פאַר יטב לב, וואָס איז א געוואַלדיגע סגולה פאַר א פרנסה טובה. אָה, איצט האָב איך שוין געזען א זאַך מיט א מקור נאמן, און עס האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן אנצוקלעבן אין מיר...

און אויב האָב איך געמיינט אַז דאָס איז עס. איך ווייס עס און פאַרטיג, איז אָבער דער מציאות געווען אַז קורץ נאָכדעם איז מיר שוין אויסגעקומען זיך פערזענליך צו באַנוצן דערמיט, און זיך טאַקע איבערצייגן איבער דאָס ווירקזאמקייט פון די סגולה פון מוסדות יטב לב. ומעשה שהי' כך הי'.

איך פיר אָן אַ געוויסן פירמע, וואָס גרעסערע אינסיטוציעס רופן אַריין באַשטעלן פאַרשידענע פּראָדוקטן אין וואָס זיי נויטיגן זיך. ווי עס איז דער שטייגער אין ביזנעס (און ביי יעדע זאַך...) איז מען קיינמאָל נישט צופרידן וואָס מ'האָט שוין דערגרייכט. מ'זוכט מער. איז מיר ב"ה געלונגען אָנצוקניפּן א קאָנטאַקט מיט א גרויסע פירמע וועמען איך האָב פאָרגעשטעלט וואָס איך האָב צו פאַרקויפן, און וואָס עס זענען מיינע פרייזן.

יענע פירמע האָט אויסגעקוקט צו זיין היבש צופרידן פון וואָס איך האָב פאָרצושטעלן, און האָט אויפ'ן פלאַץ אַריינגעגעבן א גרויסן ארדער, אָבער... זיי האָבן עס נאָכנישט געהאַט באַשטעטיגט. זיי האָבן געזאָגט אַז ס'איז מעגליך אַז זיי וועלן אָנהייבן קויפן ביי מיר, און אויב יאָ וועט די ערשטע ארדער זיין דאָס וואָס זיי האָבן מיר פריער געזאָגט.

אין די קומענדיגע טעג האָט יעדע טעלפאָן-קאָל מיך אויפגעטרייסלט... מיט שפּאַנונג האָב איך געוואַרט צו הערן אַן ענדגילטיגן ענטפער אַז... זיי באַשטעלן דעם ארדער ביי מיר. אָבער אין קול ואין עונה. מיינע דמיונות צו פאַרדינען די גרויסע געלטער אויף וואָס כ'האָב מיך געריכט האָט שוין געהאַלט אָט אָט ביים צורינען...

און פונקט דאַן האָט דער אויבערשטער מיר געהאָלפן, און ר' מאיר פערל הי"ו האָט מפרסם געווען אינעם בקודש די דערמאַנטע מעשה, פון א אינגערמאַן וואָס דערציילט אַז דער רבי שליט"א האָט אים געהייסן געבן מעשר פאַר יטב לב. נו, א מעשה וואָס רעדט דאָך ממש צו מיר. גלייך נאָך שבת מברכין האָב איך געטון דאָס זעלבע. כ'האָב אויפ'ן אָרט געגעבן א שיינעם סכום פאַר מוסדות יטב לב, זייענדיג מתפלל אַז בזכות זה זאָל השי"ת מיר שענקן הצלחה אין אַלע געשעפטן, ובפרט אַז דער דערמאַנטער דיל זאָל דורכגיין.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן. איך גלייב עס נאָך קוים, אָבער ס'איז פאַקטיש אַזוי געווען. ווי נאָר כ'האָב אַרויסגענומען די הענט פון די פושקע, האָב איך עס שוין געדאַרפט לייגן צום טעלפאָן... ס'האָט געקלונגען, און אויף די אַנדערע זייט איז געווען א פאָרשטייער פון יענע פירמע וועלכע האָט באַשטעטיגט אַז איך זאָל שיקן דעם ארדער, און ב"ה כ'האָב גאָר שיין פאַרדינט דערויף, אַלעס בזכות פון שטיצן מוסדות יטב לב.

א ישר כח אייך פאַר'ן מיך מזכה זיין מיט אַזאַ וואונדערליכע סגולה.

מיט דאַנק.

**ל. ק. נ.**

**קרית יואל יצ"ו**

## לכבוד הנהלת מוסדות יטב לב.

איך דאַרף מיך נישט פארשטעלן פאַר אייך. איר קענט מיך גוט... יעדע שטיק צייט רוף איך אַריין אין אָפיס אַז מ'זאָל אַראָפּנעמען פון מיין קרעדיט קאַרד פאַרשידענע סכומים פאַר מוסדות יטב לב, און ב"ה איך זעה כסדר גרויסע ישועות. איך אַליינס וואָלט געקענט אָנפילן גאַנצע בלעטער פון ישועות וואָס איך זעה כסדר.

נעכטן אינדערפרי (ס'איז געווען מיטוואָך פאַר יום כיפור) האָב איך ווי אַסאַך מאָל, געלאָזט א מעסעדזש אַז מ'זאָל אַראָפּנעמען פון מיין קרעדיט קאַרד א געוויסן סכום. ס'איז אייך געוויס געווען אינטרעסאַנט אַז נאָך עטליכע שעה האָב איך נאָכאַמאָל גערופן אין אָפיס. איך ווייס אַז עס איז געווען אינטרעסאַנט, ווייל אין דרכי בכך, געווענליך רוף איך נישט צוויי מאָל אין איין טאָג... ווי נאָר מ'האָט אויפגעהויבן דעם טעלפאָן אין אָפיס, האָט דער וואָס האָט אויפגעהויבן שוין גלייך געוואוסט צו וועמען ער רעדט, זעט אויס אַז ער האָט געזען מיין נאָמען אויפ'ן איי די, און גלייך פרעגט מיך יענער צו ער האָט אפשר געמאַכט א טעות מיט אַריינקלאַפּן איין נומער פונעם קרעדיט קאַרד, וואָס צוליב דעם רוף איך נאָכאַמאָל בעטן אַז ער זאָל פאַררעכטן דעם טעות ווייל דער סכום האָט זיך נישט גערעכנט. אָבער ניין. ס'איז נישט געווען אַזוי.

כ'האָב געבעטן אַז אויסער וואָס מ'האָט שוין איינמאָל גערעכנט זאָל מען נאָכאַמאָל רעכענען א סכום געלט פאַר מוסדות יטב לב, און איר האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס. לאמיך אייך פאַרציילן. ס'איז געווען אינדערפרי, ס'איז אינמיטן די פאַרנומענע ימים טובים סעזאָן, און... דער מעין טעלפאָן ליין אַרבעט נישט ביי אונז אין פיש געשעפט. איך דאַרף אייך נישט דערציילן ווי אַזוי עס קוקט אויס ביי אונז אין די צייטן. מענטשן האַלטן אין איין אַריינרופן באַשטעלן די יום טוב אָרדערס. ס'איז ממש די פאַרנומענסטע צייט אין יאָר, און דאָ איז קיין טעלפאָן נישט דאָ.

כ'האָב גלייך גערופן די טעלפאָן קאָמפּאַני, וועלכע האָבן געאַנטוואָרט אַז זיי וועלן זיך צויאגן, און ביז צוויי טעג וועט עס שוין זיין פאַראכטן. ביי זיי איז דאָס אפשר שנעל, אָבער ביי אונז? ס'איז דאָך ממש א קאַטאָסטראָפע, און אויב איז דאָס נישט גענוג געווען, האָט דער מצב זיך בלויז פאַרערגערט איבערן טאָג. נאָך א שטיק צייט האָבן שוין אַלע טעלפאנס אויפגעהערט צו אַרבעטן. אַלעס איז טויט, אין יוצא ואין בא. איר קענט זיך געוויס פארשטעלן ווי פאַרלוירן איך בין געווען.

פאַרלוירן איז אפשר נישט דער פּאַסיגסטער אויסדרוק, ווייל דייקא דאָס בין איך נישט געווען... כ'האָב דאָך געהאַט מיט אויסגעפּרואווטע סגולה. כ'האָב גלייך צוגעזאָגט א גרויסן סכום פאַר מוסדות יטב לב, און דאָס איבעריגע איז שוין היסטאָריע. די טעלפאנס האָבן גלייך אָנגעהויבן צו אַרבעטן. אָן קיין פאַרוואָס און אָן קיין פאַרווען. הא ראי' ווען איך האָב אייך גערופן נאכאמיטאג האָב איך שוין גערופן פונעם טעלפאָן פונעם געשעפט. עס האָט שוין געאַרבעט! מ'האָט אינגאנצען נישט געדאַרפט צוקומען צו די טובות פון די טעלאפן קאָמפּאַני.

דאָס איז געווען די סיבה פאַרוואָס איך האָב נאָכאַמאָל געגעבן, און איך האָף אַז מיט מיינע אפטע נתינות פאַר די הייליגע מוסדות וועל מגין זיין אַז איך וועל נישט אַזוי אָפט דאַרפן צוקומען צו אייך...

**אייער פריינד**

**ח. ש. ש.**

**וויליאַמסבורג**

